**דער מגיד שיעור:** יא, דער ראב"ד טענה'ט נאר אז דען, לויט זיין פשט אין די גמרא אויך, אז דעמאלטס ווען די כעס איז א... ס'איז יצר הרע, נישט קיין טהרת הלב. איך וויל מדייק זיין אין רמב"ם. דער רמב"ם וואס זאגט אז די אלע זענען מתקן את יצרו הרע, אפילו א מי שמשליט את עצמו און ער טוט א מצוה וואס שטייט היינט אין די תורה, איך ווייס נישט ממש דאורייתא, אבער ס'שטייט אין הלכה, א מצוה קריעה, אויך, וואס טוט ער אויף? אויף דעם יצר הרע. ער מיינט נישט דווקא רע.

**ר' יצחק:** ניין, לאו דוקא, מ'דארף נישט שייכות צו דעם. דארטן איז ער מתקן ווייל ער טוט די מצוה.

**דער מגיד שיעור:** ניין, ער טוט נישט די מצוה. דער רמב"ם זאגט **"שכל אלו"**, דו ביסט גערעכט, אויף דעם די קשיא פרעגסטו?

**ר' יצחק:** ניין, "שכל אלו" גייט ארויף אויף... ניין, "שכל אלו" אויף די אלע עבירות.

**דער מגיד שיעור:** דער רמב"ם איז דא, ער שטעלט צוזאם דריי קייסעס צוזאמען דא בפרוש. ער זאגט, די אלע זענען מתקן את יצרו הרע. זאל מיר דיר זאגן אזוי, אפשר דער רמב"ם האט געטראכט, יצר הרע איז נישט דווקא שלעכט. שלעכט אדער גוט, ער האט א תאוה צו עפעס, ס'איז אן ענין, ער איז מתייסר. אפשר איינער וואס האט א תאוה צו קריעה על מתו איז ער גערעכט. ער בארואיגט דעם מענטש.

לאמיר טראכטן ווען איז א חובל בחבירו וואס דער ראב"ד וואלט יא געהאלטן אז ס'איז א גוטע חובל בחבירו. א קינד האט א ליסטע מיט זיך, און ער קומט און ער שלאגט אים, און ער שלאגט אים צוריק. לויט'ן ראב"ד איז דאך דאס אויך א כשר'ע, אזוויווי מציל אדם מן הבהלה באופן אמיתי. איז דאך יעדע זאך סור מרע ועשה טוב. ס'איז נאר א פאל ווען מ'דארף זיין סור מרע ועשה טוב. ס'קען זיין יענער האט געזאגט אזא שלעכטע פשט, אזא מורה. דו האסט א רשע'דיגע שכן וואס שלאגט און הרג'עט זיינע קינדער, גייסטו אים פארברענען א האלבע פון זיין הויז?

**ר' יצחק:** איך מיין אז נישט. איך רעקאמענד נישט אז מ'זאל איינער וואס גייט דאוונען אין די נורסינג האום זאל מען פארברענען זיין הויז.

**דער מגיד שיעור:** אבער ס'איז אביסל אינטערעסאנט דער ראב"ד, ווייל איינמאל דער ראב"ד פארשטייט אז כעס באופן אמיתי... דער פאקט אז דער ראב"ד אליין, דער ראב"ד פלעגט זיך רעגן א גאנצע צייט אויפ'ן רמב"ם. קען נישט זיין אז ער זאל זיך ארויסרעגן אז מ'דארף טאקע צוברעכן יענעמ'ס הויז. ס'זעט אויס אז נישט. ער האט געשריבן השגות איז איין זאך, אבער זיך רעגן צו פארברענען יענעמ'ס הויז... דער ראב"ד האט נישט געזאגט מ'זאל פארברענען דעם רמב"ם'ס ספרים.

איך קען פארשטיין די חילוק, אז כעס במדה הנכונה איז נארמאל אז א מענטש זאל זיין דן מיעוט וועגן כעס איינמאל א חודש. פון וואו איך רעד איז דאך א מציאות פון א פעם בחיים אז מ'דארף פארברענען יענעמ'ס הויז. ס'איז נישט עפעס א... אקעי. אבער דער רמב"ם האט אנגעקוקט אלעס די זעלבע. לויט ווי דו פארשטייסט די גמרא, איז דאס שטייט אין די גמרא.

**ר' יצחק:** פארקערט, דאס איז לענין שבת. א גמרא איז לענין מוסר איז נישט ריכטיג, אבער לענין שבת הייסט דאס מתקן. דער יצר הרע איז זייער וויכטיג פאר די הלכות שבת. ווען ס'וואלט נישט געווען קיין ארץ ישראל, וואלט נישט געווען די הלכה.

**דער מגיד שיעור:** אקעי. אונז האבן פאריגע מאל שוין געקלערט אז די ווארט "מכלכל". יעדע מאל ווען א מענטש איז מחלל שבת איז דאך א מכלכל, ספעציעל לויט דעם ראב"ד'ס וועג פון די סופרים.

**ר' יצחק:** יא, ס'איז נישט די פשט.

**דער מגיד שיעור:** שוין.

**תולדות מבעיר**

וואס זענען די תולדות? אה, וחין. און וואס נאך איז מבעיר? אונז האבן געשמועסט וועגן פארברענען א גוטע זאך. די שאלה איז אויב מ'דארף די אייפער אלס דרך השחתה. אבער לאמיר נעמען דא די פארברענען וואס איז טאג-טעגליך. אויב איינער צינדט אן א פייער, אדער א לעכט, אדער האלץ, די ציל איז חמם — זיך אנצוווארעמען, אדער צו ליכטיג מאכן.

## הלכות מבעיר ומכבה

**תולדת מבעיר: המחמם את הברזל**

### Speaker 1:

אקעי, אבער דראמע האבן איז אינטערעסאנט. דראמע האט אנגעקוקט אלע די זעלבע. וועג ס'זאל זיין לויט ווי דו זאגסט יעצט, שטייט דאך אין די גמרא אז דאס איז די נושא.

פארקערט, דאס איז לענין שבת. א גמרא זאגט, לענין מוסר איז נישט ריכטיג, אבער לענין שבת הייסט דאס מתקן. סאו די יצר הרע איז זייער וויכטיג, ווייל פאר וואס איז דא הלכות שבת? נאר ווייל ווען ס'זאל נישט זיין קיין יצר הרע וואלט נישט געווען די הלכה. אקעי.

מיר האבן פאריגע מאל שוין געקלערט אז די ווארט "מכלכל", יעדע מאל ווען א מענטש איז מחלל שבת איז ער דאך א מקלקל, ספעציעל לויט די ראב"ד'ס וועג, אז ס'איז נישט דער פשט.

שוין, וואס זענען די תולדות? אה, וחייב. וואס נאך איז מבעיר? מיר האבן געשמועסט וועגן פארברענען א גוטע זאך. די שאלה איז צו מ'איז דאך דן עבירה על דרך השחתה. אבער לאמיר נעמען דא די פארברענען וואס איז טאג-טעגליך. **אויב איינער צינדט אן א פייער, אדער א לעכט, אדער האלץ, צוליב זיך אנצוווארעמען אדער צוליב ליכטיג מאכן, הרי זה חייב, דאס איז מבעיר, דאס איז מאין מבעיר.**

און וואס איז די תולדה פון מבעיר? **המחמם את הברזל, אויב איינער הייצט אן א בארזל כדי לצרפו במים**, איז דאס נאכדעם... איך מיין, צורף... אן ענין פון manufacturing. ס'איז דא אזא זאך ווי צרוף, אן ענין פון צרוף, אויסגעארבעטע מעטאל, נאכדעם זענען זיי דורכגעגאנגען עפעס א פראסעס וואס מאכט זיי זייער שטערקער. סאו בארזל, די וועג וויאזוי צו מאכן א בארזל וואס איז געווען הארט אדער וואס, איז מ'מאכט עס הייס און נאכדעם געבט מען עס אווארף אריין אין וואסער און מ'מאכט עס שנעל קאלט.

איז דאס תולדת מבעיר וחייב. דאס אנצינדן. ס'איז אינטערעסאנט, ווייל מ'רעדט דא, די פייער איז שוין דא, ער לייגט אריין א בארזל. אה, די בארזל ווערט אליין אנגעצינדן לכאורה. די בארזל ווערט רויט און ס'ווערט אנגעצינדן. אבער דאס איז נישט די נושא יעצט. אבער ס'דארף זיין א מבעיר, איך זאג, אז נישט וואלט עס געווען סתם עפעס א מסכן. ער מאכט נישט דא די פייער. ס'איז דא א פייער און ערווארפט אריין א שטיקל בארזל אין דעם. הייסט נישט מבשל, ס'הייסט א מבעיר. זייער גוט, ווייל ער ווערט אליין פארט פון די פייער, ער ווערט פארברענט. ס'הייסט ער ווערט רויט, יא, ס'הייסט ער ווערט ברענעדיג.

די מאירי פרעגט טאקע א קשיא, אז ס'איז מבשל. אקעי. און דער ראב"ד איז נישט מסכים נאכדעם.

**הלכות מכבה**

עד כאן הלכות מבעיר, מאכן א פייער. וועלן מיר אויסלעשן א פייער. זייער גוט. אזויווי אפאר מלאכות וואס קומט מיט אזא דבר והיפוכו, שרייבן און מעקן, איז דא מכבה מיט מבעיר, אויסלעשן און אנצינדן. קודם אנצינדן און נאכדעם אויסלעשן, ווייל מ'קען נישט אויסלעשן וואס מ'האט נישט אנגעצינדן.

איז אזוי, **המכבה כל שהוא חייב.** די שיעור פון מכבה איז אויך א כל שהוא, אזויווי מבעיר, די קלענסטע פייער וואס מ'האט אויסגעלאשן. אויסגעלאשן וואס? זאגט ער, **אחד המכבה את הנר, צו מ'האט אויסגעלאשן א לעכט, צו מ'האט אויסגעלאשן א גחלת של עץ**, די אלע זאכן. **אבל המכבה גחלת של מתכת,** און מיר האבן פריער געשמועסט אז ווען מ'צינדט אן מתכת ברענט עס, ס'ווערט זייער הייס און ס'ווערט ווי א פייער, ס'הייבט אן ווערן רויט און ברענען, ממילא איז געווען מבעיר, אבער רבותינו, לעשט אויס א גחלת של מתכת איז פטור.

**דיון: פארוואס איז מכבה גחלת של מתכת פטור?**

וואס פונקטליך איז די ווארט? וויאזוי לעשט מען עס אויס בכלל? מ'נעמט עס אראפ סתם פון די פייער? ס'איז דא נאך עפעס, אזויווי מ'בלאזט עס אויס, אזויווי מכבה אש? מ'לייגט עס אין וואסער, וואס? און פארוואס ביי מבעיר הייסט עס מבעיר און ביי מכבה הייסט עס נישט מכבה?

מבעיר איז כדי לצרפה, דאס איז נישט כדי לצרפה, דאס איז סתם א... איז נישט די אויסלעשן א פארט פון די פראסעס פון לצרפה? איך גלייב נישט. ער רעדט נישט פון דעם.

דא איז דער ראב"ד טאקע מחולק. אקעי, דער ראב"ד איז מחולק ווייטער דא. קאמר רבנן דבורא, אז ער איז מכבה... ער איז חייב אלס מבעיר, דארף ער אויך זיין חייב אלס מכבה. אזוי טענה'ט ער, מיין איך.

אה, יעצט זאגט ער, אין צורך לצרוף. אזוי ווי איך האב דיר געזאגט, איך האב געטראכט אז ס'איז א חילוק. דער ראב"ד האלט אז ס'איז נאך אלץ צורך לגופו, איז דאך אן איסור.

און וואס איז די חילוק פון גחלת של עץ? גחלת של עץ האט דער ראב"ד געזאגט יא, ס'איז... מכבה גחלת של עץ. דער ראב"ד האט עס געזאגט, אז עס איז חייב. זיי זענען דיגמא, און איך קען צורך לגופה אז ער איז חייב. איך גיי, מ'דארף עס נישט. איי דאונט נאו. וואס זאגן די אנדערע מפרשי הרמב"ם? ס'איז א פראבלעם, ס'איז א פראבלעם דא. ס'איז דא א פראבלעם.

**דער רמב"ם'ס לשון אין מכבה גחלת של מתכת**

דער רמב"ם זאגט, אויב מ'פירט אויף דעם רמב"ם, אויב ער האט אים נישט געקענט, יא, זאגט דער רמב"ם, דער רמב"ם מאכט קלאר דער חילוק. מכבה זיין סתם אזוי איז פטור, אויב מ'האט נישט געקענט לצרף. אזוי ווי מ'האט נישט געקענט לצרף להבעיר, איז די זעלבע זאך דא ביי מבעיר. **כגון המתיך הברזל עושה**, רייט? ער ציהט אים ביידע. **ומחמם את הברזל, מחממים, יא, את הברזל עד שיעותך גחלת, מ'הייצט אן די ברזל, די מתכת, ביז ס'ווערט א קויל, ואחר כך נותנו במים ומלשן אותו כדי לחסמו ולעשותו חד**, און נאכדעם געבט מען עס א ווארף אריין אין וואסער, מ'לעשט עס אזוי אויס כדי לחסמו, עס צו מאכן שארף. **וזהו הצורף**, דאס איז וואס מיר האבן פריער געשמועסט אז ס'איז דא א פראסעס פון לצרף, **שהעושה אותו חייב**, אויף מבעיר. און די זעלבע זאך איז ער אויך זיין חייב, דער מצרף פון פריער איז אויך זיין חייב ווען ער טוט די זעלבע זאך פאר מכבה.

ס'איז אן אנדערע לשון, ער האט עס אינגאנצן געטוישט. ער האט נישט פריער געזאגט המבעיר ברזל איז פטור נאר אויב לצרף איז חייב. פארוואס זאל מען לכאורה אזוי די זעלבע פאל דארט? אויב איינער צינדט אן א רענדאם שטיקל ברזל וואס ער וויל נישט יעצט טון לצרף, וועט ער אויך זיין פטור. אקעי, ער האט שוין געזאגט נאר כדי לחסמו. ניין, דארטן האט ער אויך געזאגט די פאזיטיוו, די חיוב, און דא שמועסט ער אויס די פטור מער ווי די חיוב. אפשר איינער האט ער דא געוואלט לאפוקי פון עפעס א הלכה אדער וואס, מ'דארף קוקן וואס ער איז עוסק מיט.

און אויב איז מכבה נישט על מנת לצרף, אויף דעם פרעגט דער ראב"ד אז אפילו ער האט לא נתכוין לצרף, אבער למעשה איז ער מצרף, איז ער מכבה, איז עס א מלאכה שאינה צריכה לגופה, דארף ער ווייטער זיין חייב. דאס איז זיין קשיא. איי, אז איינער מתכוין, ווארט, אפשר איז עס א פסיק רישא. פסיק רישא, אה, אפשר רעדט מען באופן אז ס'איז נישט פסיק רישא? מאכט נישט קיין סענס, ווייל אדעמאל וועט עס געשען. מאכט נישט קיין סענס.

**מכבה גחלת של מתכת ברשות הרבים**

זאגט יעצט דער ראב"ד, **א גחלת של מתכת ברשות הרבים, מותר לכבות, מען מעג אויסלעשן א גחלת של מתכת וואס ליגט ברשות הרבים, כדי שלא יזיקו בה רבים, כדי א מענטש זאל נישט ווערן ניזוק.** פארוואס איז ער דאך פטור? ווייל ווען ער לעשט עס אויס אין רשות הרבים, איז עס דאך נישט לצורך, ס'איז דאך נאר שלא יזיקו בה רבים, איז ער פטור. און א זאך וואס איז פטור איז דאך נאר אסור מדרבנן, און דער רמב"ם האט אונז פריער געזאגט ווען די כללים פון דארטן איז געווען "לא אמרן אלא לכם", ער האט נישט געזאגט אויף דרבנן'ס. אבער איך מיין אז אנדערע רמב"ם'ס האבן אויך

זייער אסאך מאל די הגדרה, אויך פריער ביי רמב"ם'ס וואס זענען נישט פון די רמב"ם'ס וואס זענען אן אב מלאכה, א זאך וואס איז א דרבנן מעג מען טון אלס משום סכנה אדער משום צורך הרבים.

#### נותן שמן ונוטל שמן

איז דער רמב"ם גייט צו וואס נאך, וועלכע נאך זאך איז מכבה. **הנותן שמן,** דא רעדט דער רמב"ם ביידע, מבעיר און מכבה. **הנותן שמן לתוך הנר הדולק, איינער לייגט צו שמן ביי די נר הדולק, איז חייב משום מבעיר. און איינער וואס נעמט אראפ מן השמן שבנר איז חייב משום מכבה.** דאס האבן מיר שוין געהאט ווען דער רמב"ם האט געשמועסט וועגן די שמן היותר, ווען ס'איז געווען די הלכה אז ער וואלט געווען חייב ווען מ'נעמט אראפ פון די שמן.

יא, ס'איז אינטערעסאנט, ווייל די נותן שמן, ער מאכט נישט קיין פייער, אבער ער מאכט די עקזיסטינג פייער זאל אנהאלטן לענגער. און די זעלבע זאך פארקערט, יא. ס'איז אינטערעסאנט, למשל, אויב מ'איז מסתפק מן השמן שבנר, אבער ס'גייט נאך אלץ ברענען אט ליעסט ביז מוצאי שבת למשל, הייסט ער נאך אלץ א מכבה? אדער מ'רעדט ווען ער נעמט ממש גענוג ארויס אז ס'גייט זיך גלייך אויסלעשן?

ניין, איז א שאלה. תוספות זאגט אז ס'מוז זיין אז גרם כיבוי גייען מיר לערנען אז ס'איז מותר, סאו ס'קען נישט זיין אז ס'רעדט זיך אז ס'גייט זיך אויסלעשן שנעלער. ס'מוז זיין אז יעצט ווערט עס עפעס שוואכער סאמהאו. אה, וואלט שוין אזוי, ער האט געשריבן א תשובה אויף דעם זאך. אקעי. אזוי קומט דא אויס. יא.

#### דליקה שנפלה בשבת

זאגט די רמ"א אזוי: ס'איז געשעט א פייער. איז אזוי, **דליקה שנפלה בשבת,** מיר גייען יעצט לערנען אן אינטערעסאנטע הלכה. דליקה שנפלה, מיר האבן שוין געהאט אז א פייער וואס צינדט זיך אן בטעות, אזוויי ווען ס'איז געשען א טראגעדיע און ס'האט זיך אנגעצונדן א פייער, רופט מען עס אייבערקומען "נפילה". ס'איז געפאלן, אנדערש ווי מיר האבן פריער געזאגט "המדליק גדישו של חבירו".

א דליקה שנפלה בשבת, און פארשטייט זיך אז דער מענטש ווייל עס אויסלעשן ווייל ער וויל ראטעווען זיין הויז. זאגט דער מחבר, **"עושה מן איבוד ממון, הרי זה מכבה והולך".** ער לעשט עס אויס ווייל ער שוינט זיין געלט. חייב. ער איז חייב, ווייל ער טוט א מלאכה. פארשטייט זיך, מיר גייען זען, ער וויל נישט דא קיין אש און גארנישט, אבער דאס איז א מלאכה שאינה צריכה לגופה. אבער דאך איז ער חייב. **"שאין איבוד ממון דוחה שבת אלא איבוד נפשות".** איינשפארן דיין געלט, איבוד ממון, איז נישט דוחה שבת, נאר איבוד נפשות.

לפיכך, אויב איז דא א דליקה אין א הויז, אויב איז אבער נישט דא דארטן קיין שום מענטשן, **"יצאו בני אדם כדי שלא ימותו"**, אויב די מענטשן זענען שוין ארויסגעאנגען, דעמאלט **"יניחו האש תאכל"**, זאל מען לאזן די פייער ברענען. זיין לשון איז עפעס אן אינטערעסאנטע לשון, ס'איז א לשון פסוק אדער וואס. מען זאל לאזן די פייער פלאקערן, **"ואפילו תאכל כל הקהילה"**, אפילו אויב ס'קען פארברענען די גאנצע שטאט. אבער דאס איז ווייטער נאר א חשש פון איבוד ממון, ווייל העכסטנס וועט זיך עס איבערכאפן צו נעקסט דאור, דארף מען דארט אויך טון די הלכה אז די מענטשן זאלן ארויסגיין. ממילא, ווי לאנג ס'איז נישט דא קיין חשש פון פיקוח נפש, פאר געלט טוט מען נישט אויסלעשן די פייער.

#### דער רמ"א'ס חילוק: בזמן הזה איז יעדע דליקה א סכנת נפשות

יא, דאס איז די הלכה. ס'איז א מצוה, דער משנה ברורה זאגט אז ס'איז א מצוה צו זאגן די דין. אבער די רמ"א זאגט אז דאס איז נאר געווען בזמן חכמים. היינט, וואס מיר וואוינען צווישן גוים, איז יעדע דליקה א סכנת נפשות. פאר סאם ריזען איז נישט קלאר פון וואס פונקט די סכנה רעדט ער וועגן. און אויך ווייל דאס איז איינס פון די דריי זאכן וואס די רמ"א האט געשריבן. און די משנה ברורה און די שפעטערע פוסקים זאגן, וויבאלד אז היינט אלעמאל, אויב ס'קען זיך איבערכאפן צו נעקסט דאור, אלעמאל קען זיין דארט א זקן, א חולה, אדער א קינד וואס קען נישט אוועקלויפן געהעריג, און די משנה ברורה זאגט, אזוי ווי פיקוח נפשות איז מילא איז א מצווה צו זאגן פאר יעדער איינער אז אויב ס'פאלט א דליקה שבת איז א מצווה עס אויסצולעשן. סאו דער רמב"ם אליין זאגט דאס, **"יוצאים בני אדם כדי שלא ימותו"**.

### דליקה בשבת: סכנת נפשות, גרם כיבוי, והלכות מחיצה

#### סכנת נפשות בדליקה בזמן הזה

**Speaker 1:** היינט וואס מ'וואוינט צווישן גוים, איז יעדע דליקה א סכנת נפשות. פאר סאם ריזען איז נישט קלאר וואס פונקט די סכנה רעדט וועגן, און אויכעט ווייל דאס איינציגע וואס שטייט אין רמב"ן, און די משנה ברורה און די שפעטערדיגע פוסקים זאגן וויבאלד אז היינט איז אלעמאל אויב ס'קען זיך אריבערכאפן צו די נעקסטע הויז, אלעמאל קען זיין עפעס א זקן, א חולה, אדער א קינד וואס עס קען נישט אוועק לויפן געהעריג, ממילא איז עס א ספק ספק נפשות, ממילא איז א מצווה צו זאגן פאר יעדער איינער, אז אויב ס'פאלט א דליקה שבת, איז א מצווה עס אויסצולעשן.

דער רמב"ן אליין זאגט דאס, **"יוציאו בני אדם כדי שלא ימותו"**, ער זאגט דאס אבער באופן ווען ס'איז זיכער אז ס'איז נישטא קיין חשש אויף מענטשן. די משנה ברורה איז גערעכט אז אויב לאזט מען פייערס ברענען, ערגעץ וואו גייט איינער באברענט ווערן? פיקוח נפש איז דאך נישט אזוי אוודאי גערעכט. ער רעדט אבער אויס אזוי הלכה, ער רעדט אבער אויפן... וואס איז נישט? נישטא אזא שאלה.

#### הלכה: מחיצה מכלים — גרם כיבוי

**Speaker 1:** אקעי. אין מותר, וואס מעגן מיר אבער יא טון? אין מותר, לעשות מחיצה, וואס מ'קען יא טון איז אזוי, מ'קען ברענגען וואסער, און נישט גיסן, אבער עפעס גורם זיין אז די וואסער זאל אויסלעשן די פייער באופן זה. מ'מאכט א מחיצה, מ'נעמט אסאך כלים, מ'מעג נעמען כלים און מאכן מיט דעם א מחיצה וואס זאל סטאפן די פייער. **בין למלאים**, סיי כלים וואס זענען פול מיט וואסער אדער אויב מ'האט כלים וואס זענען רקנים, וואס זענען פייער רעזיסטענט, וואס וועלן זיך אנטקעגן שטעלן די פייער, **כדי שלא תעבור הדליקה**, כדי די פייער זאל נישט ווייטערגיין.

#### חידוש: כלי חרס חדשים מלאים מים

**Speaker 1: אפילו כלי חרס חדשים מלאים מים**, נישט נאר מ'מעג נעמען כלים וואס אפשר גייט זיך עס אויסגיסן אויף די פייער, נאר אפילו אויב מ'ווייסט זיכער, ס'איז געמאכט אזוי, אז וואנס די פייער קומט אן לעבן די וואסער, זאל זיך די וואסער אויסגיסן, מעג מען, ווייל דאס איז שוין... מ'מעג נעמען כלי חרס וואס גייט זיך ודאי מתבקע, ס'גייט זיך צושפאלטן און אויסגיסן די וואסער און אויסלעשן די פייער, מעג מען עס טון. נישט א גרם כיבוי מותר, ווייל דאס איז גרם כיבוי, באט יא, מותר געווען צו טון א זאך וואס איז א גרם, ס'הייסט דו טוסט עס נישט בידים. און מ'דארף פארשטיין פונקטליך פרעזענט. דאס איז אהערגעשטעלט. בעצם וואלט עס געווען אסור לכאורה, אזוי ווי דו ברענגסט. פארוואס איז עס מותר געווען? ווייל ס'איז דא א חשש הפסד.

מדרבנן איז זיכער אסור צו מאכן א גרם מלאכה, אבער ווייל ס'איז דא א חשש הפסד האבן די חכמים מותר געווען.

**Speaker 2:** יא. דאס איז אלעס מדרבנן. דאס איז אלעס מדרבנן. וואס גיימיר זען אז מ'טאר מדרבנן אנדערע זאכן, גיימיר לערנען אין אנדערע פרק. אבער יעצט לערנט מען די הלכה.

#### הלכה: כופין קערה על גבי הנר

**Speaker 1:** כופין קערה האבן מיר שוין געלערנט אויך?

**Speaker 2:** יא. כופין, נאך א זאך, אויב א מענטש האט א נר און ער האט מורא אז ס'גייט אנצינדן די דאך, מעג מען איבערדרייען א קערה על גבי

הנר אז ס'זאל פראטעקטן אז ס'זאל זיך נישט אנצינדן. אפילו אפשר גייט עס אויסלעשן, אדער די ווארט איז מבטל כלי מהיכנו.

**Speaker 1:** ס'גייט נישט אויסלעשן. אויב ס'וואלט אויסגעלאשן איז אסור, מ'טאר נישט אויסלעשן. דא איז די ווארט, ס'איז א גרם, ס'גייט גורם זיין אז ס'זאל ווערן קלענער, אדער ווען ס'וועט אנקומען דארט די נר גייט ��יך עס אויסלעשן.

אז דו מיינסט צו זאגן אז אפילו אן אפיקומן, וואס מיר האבן פריער געלערנט אז מ'טאר נישט לייגן אז ס'זאל נעמען די שמן וואס טראפט אראפ וועגן מבטל כלי מהיכנו, דא זאגט ער אז מ'מעג יא.

**דיסקוסיע: וויאזוי ארבעט די קערה?**

**Speaker 2:** דאס איז על גבי הנר. איך פארשטיי אז ס'איז דא א נר, העכער דעם איז דא א קורה, און ס'איז דא א סכנה אז די נר גייט אנגערירט ווערן אין די קורה, סאו לייגט מען אינצווישן זיי א קערה. סאו מ'איז מהלך צו מאכן א מחיצה, בעסיקלי.

**Speaker 1:** רייט, וויאזוי פונקטליך העגנט מען די קערה פארשטיי איך נישט קלאר. סאמהאו לייגט מען א קערה, ס'מוז זיין אז ס'איז דא פלאץ, אנדערש לייגט מען א קערה איבער א נר.

**Speaker 2:** איך טראכט אז מ'לייגט א הויכע קערה וואס איז גענוג העכער פון די לעכט. דא איז די לעכט, און מ'לייגט א הויכע קערה. סאו ס'איז דא פלאץ פאר די לעכט אז ס'זאל ברענען, נישט קעקן. אויב מ'לייגט עס אויף די לעכט איז עס אויסגעלאשן.

**Speaker 1:** יא. אוקעי.

**הלכה: פורשין עור של גדי על הקורה**

**Speaker 1:** און ער זאגט ווייטער נאך א זאך וואס מ'מעג טון, נישט אפהאלטן די טובה, נאר אפהאלטן די רעה. ער זאגט אזוי, טלית שלובש בו, א שראנק וואס איז שוין אנגעהויבן ווערן פארברענט, מעג מען ברענגען ארגדי אדער אנדערע זאכן, **דברים שאין האור שולטת בהן**, זאכן וואס די פייער פארברענט זיי נישט, **ופורשן על הקורה שעדיין לא נשרפה**, מ'מעג עס יא אויסשפרייטן אויף די חלק פון די קלאזעט וואס איז נאכנישט פארברענט, **כדי שלא תאחז בה האש**, כדי די פייער זאל נישט אנקומען אהין.

**דיסקוסיע: צי דאס איז גרם כיבוי?**

**Speaker 1:** איך מיין אז די אלע זאכן איז אביסל אן אינטערעסאנטע זאך. די פלאץ וואס ער לייגסט די האנטוך, ברענט עס נאכנישט. דו לעשסט גארנישט אויס. דו מאכסט אז ווען די פייער וויל דא אהערקומען, זאל ער נישט אנצינדן.

**Speaker 2:** יא, ס'איז א גרם כיבוי. דאס איז גרם כיבוי. אפילו וויניגער ווי גרם כיבוי, ווייל גרם כיבוי וואלט געווען ווען דו לעשסט אויס דארטן וואו ס'ברענט שוין. אבער דו מאכסט אז ס'זאל זיך אפשטעלן, ס'זאל נישט געשען א נייע פייער. איך מיין צו זאגן, מ'קען עס אנקוקן ווי די צווייטע האלב שאנק זאל יעצט אנהייבן ברענען, דאס איז א נייע פייער. ס'איז נישט אז איך האב געסטאפט די זעלבע פייער. איך האב געמאכט אז די פייער זאל ווייטער גיין, אבער ס'זאל נישט אנגעשען קיין נייע פייערס. ווייל די האלב שטיקל טלית ותפילין צינדט זיך אן פון יענע האלב שטיקל טלית ותפילין.

**Speaker 1:** אז דו קענסט זאגן אז די פייער איז א לעבעדיגע זאך און ער גייט אויף די נייע פלאץ, פארוואס דארף מען רעדן וועגן דעם בכלל דעמאלטס? איך וויים טאקע נישט. איך ווייס נישט. פארוואס דארף מען רעדן דערפון? וואס הייסט, מ'מעג אין שבת סתם אזוי לייגן א זאך אז א פייער זאל נישט ברענען? איך מיין אז ס'איז פשוט. ער מיינט דאך יא אויסצולעשן די פייער. ווען ס'גייט אנקומען דארט, גייט ער אויסלעשן די פייער.

**Speaker 2:** א קורצע שורה, דער היתר איז, ער זאגט דאך קלאר, ס'איז אמת אז די פייער גייט דארט אנקומען, אבער די גאנצע פייער איז איין זאך. ניין, איך ווייס נישט אויב די גאנצע... ס'גייט בלייבן ברענען. די ערשטע האלב גייט בלייבן ברענען ביז ס'איז אויס. אזוי סך הכל האסטו נישט געלאזט אז ס'זאל געשען א נייע פייער.

יעדע מאל וואס ער גייט אנקומען צו א נייע פלאץ, איז דאס א נייע פייער. דו רעדסט נישט פון דעם. דו האסט געסטאפט אז... דו האסט גע'טשאוקט' די פייער, אבער אויב דא ברענט, דו גיסט דא א זאך וואסער, גייט ער ברענען ביז ער גייט אנקומען דא, און דא גייט ער טרייען צו פייטן, און ער גייט נישט גיין ווייטער. ס'גייט נישט אנגעצינדן ווערן א נייע פייער.

**Speaker 1:** די אלע גרם כיבוי, די גאנצע זאך מיט די כלים וואס מ'האט געלייגט, אז זיי גייען פלאצן, איז אויך בעצם דאס, רייט? ער לעשט שוין די פייער.

**Speaker 2:** ניין, דארטן, יא, ווייל ס'גייט פלאצן, ס'גייט זיך אויסגיסן, און ס'גייט פלאצן, און ס'גייט אויסלעשן אפשר די גאנצע פייער, אדער אויך אויסלעשן די פלעצער וואו ס'ברענט שוין. אבער די גדי קען נישט אויסלעשן, ער מאכט א ספענדל אז ס'זאל נישט גיין ווייטער.

**Speaker 1:** לכאורה, איך ווייס נישט. ער זאגט, ער רופט עס נישט אן כדי אויסצולעשן, נאר כדי ס'זאל נישט אנקומען אהין.

**הלכה: טלית שאחז בה האור — פושטה ומתכסה בה**

**Speaker 1:** ער זאגט ווייטער, **"טלית שאחז בה האור"**, א ליילעך וואס האט זיך אנגעכאפט אויף דעם א פייער, וואס מעג מען יא טון? מען מעג עס נעמען און עס אויסשפרייטן און עס אנטון אויף זיך און, איך ווייס, ארומטאנצן. א גאנצע פייער גייט זיך שוין נישט אזוי גוט האלטן ווען א מענטש טוט עס אן און ער שאקלט עס, קען זיך עס אויסלעשן. וויבאלד דו קאפסט נישט, דו לעשט נישט דירעקט, איז עס אויך אזא גרם כיבוי.

**הלכה: ספר תורה שאחז בו האור — פושטו וקורא בו**

**Speaker 1:** און דא שטייט, **ספר תורה שאחז בו האור**, א ספר תורה וואס האט זיך אנגעכאפט אויף דעם א פייער. נאר א ספר תורה אדער עני ספר?

**Speaker 2:** ניין, א ספר פון תורה.

**Speaker 1:** אפשר נישט תורה טאר מען נישט ליינען שבת? איך ווייס נישט. אפשר איז עס אזויווי יעדע זאך, גרם כיבוי איז נאר מותר לצורך מצוה, דארט פאר הפסד צער.

טלית מיינט ער אויך טלית פון ציצית? אדער ער מיינט סתם א שטיקל בגד?

**Speaker 2:** **ספר תורה שאחז בו האור, או פושטו וקורא בו.** ניין, די משנה רעדט פון א ספר תורה, וואס עס קען מיינען יעדע ספר. ער זאגט איך דיר אז מען האט יא מתיר געווען גרם כיבוי. **ספר תורה שאחז בו האור, או פושטו וקורא בו, ואם כבה כבה.** אקעי. איינער רעדט וועגן דעם? צו ער מיינט א ספר תורה דוקא?

**Speaker 1:** א ספר תורה, ער זאגט נישט. ער פרעגט שוין די קשיא, ביי די וועי, דער צדיק דא פון אונטן האט די ארגי די פשט, ער טוט נישט גארנישט, אפילו נישט קיין גרם כיבוי לכאורה. פרעגט ער דיין קשיא. אהא, נישט קלאר. ער זאגט אויף ס'איז א תירוץ, אבער ס'איז נישט... דאזנט אימפרעס מי ווערי מאטש.

ער זאגט נישט וועגן, אפשר מיינט ער טאקע עני ספר. אדער אפשר נאר א ספר וואס מען מעג ליינען שבת.

**Speaker 2:** אהא, דאס האב איך אויך געטראכט. ס'איז דא ספרים וואס מען טאר נישט ליינען. ס'דארף דאך האבן א פשט, די אור מיינט דאך האבן א פשט, ס'איז עפעס וואס מען מען ליינט. אויב ס'איז א ספר חשבונות...

**Speaker 1:** איך פארשטיי נישט פונקטליך וויאזוי די פושטו גייט העלפן ס'זאל זיך אויסלעשן. ס'קען זיך מאכן אז ס'זאל זיך עפענען, ער גייט עס

לייגן אויף די... ער גייט עס לייגן אויף די... און קודם כל גייט די פייער ווערן געטשאוקט, ווייל ער שפרייט עס אויס אויף די... ס'ברענט פון בעק, יא? קיצור, איך שטיי א שטינקעלע דא אין טיילס וואס זענען עלף. אקעי, נאך אן עצה וואס מ'קען טון.

**הלכה: נותנים מים על הצד שעדיין לא נתפס באור**

**Speaker 1:** **"נותנים מים על הצד שעדיין לא נתפס באור"**. איך שטעל מיר פאר אז אמאל האט מען מער גערעדט מיט פייער ווי היינט, ווייל אין יעדע הויז איז געווען א פייערפאל, און אין די קיטשען. הייצן, דאס איז אייניגער אביסל, אבער האסט א גרויסע פייער צו הייצן, דיעלט מען מער אפט מיט פייער. מ'האט עס געזוצט סתם. היינט קאלט מען פשוט די... היינט שטייען אונז אוועק, מ'מאכט זיכער פייער איז מער אביסל ווייטער פון אונז. א קינד טאטשט נישט א פייער. איך גלייב נישט אז אמאל האט א קינד חלילה... א קינד וועקט זיך אויף אינמיטן נאכט, דארף ער אנצינדן א לעכט.

קיצור איז אז די פייער איז אמאל געווען מער אפטע זאכן, און ממילא איינער וואס פארשטייט, איז ער פארשטייט די טריקס פון וואס מ'רעדט, וויאזוי מ'שפרייט למשל א ספר תורה. אקעי. **"נותנים מים על הצד שעדיין לא נתפס באור"**. מ'מעג יא לייגן וואסער אויף די פלאץ וואו ס'האט נאך נישט געברענט, **"ואם כבה כבה"**. אפילו אויב אפשר גייט דאס אויסלעשן, אבער אויב די כוונה איז נישט אויסלעשן, נאר סטאפן די פלאץ וואו ס'האט נאך נישט אויסגעברענט, מעג מען. ס'איז זייער ענליך צו די גדיא וואס דו האסט געזאגט אז ער פרעגט.

**דיסקוסיע: "ואם כבה כבה" — ס'גייט זיך פראקטיש אויסלעשן**

**Speaker 2:** אבער ער וועט מוניח זיין בערך... ער וועט די תורה שטעלן... ס'איז נישט אז איך נער דיך, איך געב דיר א טאבלע.

**Speaker 1:** ניין, דא זאגט ער קלאר, **"ואם כבה כבה"**. אפילו אויב ס'לעשט זיך אויס אויף די צד ש... אה, ס'איז דא, דא זאגט ער עס.

**Speaker 2:** ניין, "כבה" מיינט צו זאגן ווען ס'וועט קומען דארט אן.

**Speaker 1:** ניין, "כבה" מיינט די גאנצע פייער לעשט זיך אויס.

סאו בקיצור, די גאנצע זאך איז פעיק. ער גיסט וואסער און ער מאכט זיכער מער ווייניגער...

**Speaker 2:** ניין, ניין, ניין, ניין. ווי אים. איך ווייס נישט אויב דו קענסט עס עגזעקטלי אויסרעכענען. ס'איז דא אמאל וואו די פייער האט שוין געגוג אויסגעברענט. דו ווייסט נישט, די פייער רוקט זיך אמאל נאכדעם וואס די האלבע טיש איז שוין אינגאנצן פארברענט, און דעמאלטס אז דו טאטשסט וואסער לעשט עס זיך אויס.

אבער בקיצור, ער גיסט, ס'גייט זיך אריין אין די וואסער. ס'איז א גרמא. מ'גיסט די וואסער איין טריט פארדעם, און ס'גיסט זיך כולו אויס. בקיצור, ס'איז אזא גרמא אזויווי די אלע... אזויווי די עלעקטריק... די שבת קאר, וואטעוועי. מ'דרוקט עס, און יענער זאגט אז ס'איז א טעות. ס'איז דאך אזא תירוץ.

**Speaker 1:** דו זעהסט אונטערשטע שורה, ס'איז קיין ספק אז ס'גייט זיך אויסלעשן. **"ואם כבה כבה"** איז די הלכה זאגט, מער ווייניגער ס'גייט זיך אויסלעשן אין אלע קעיסעס, אקעי? ער טוט עס נאך כדי דו זאלסט אויסלעשן. ער טוט עס נאר נישט דירעקט, ער טוט עס עפעס אזוי אינדירעקט.

ווייל אז מ'גייט צוריק צו די הויז וואס ברענט, איז דאך ווייטער נישט פשוט אז מ'טאר נישט אויסלעשן, די הויז איז ברענט. די רמב"ם זאגט אז ס'איז אסור מדרבנן. יא, אבער דאס איז דאך אויך באופן ווען ער האט נישט די הויז.

**הלכות שבת: מבעיר ומכבה — דיני פייער אויף שבת**

**הלכה: שכח נר דולק על גבי טבלא**

**Speaker 1:** שטעלט זיך א שאלה, פשטות איז אז ס'איז אסור תורה. די סאונד איז ניין.

ניין, ס'איז קיין פראבלעם פון "אם אפשר אם אפשר". ס'איז נישט קיין ספק אז ס'גייט זיך אויסלעשן. אם אפשר אם אפשר איז וואס די הלכה זאגט. מער ווייניגער גייט זיך עס אויסלעשן ביי אלע קעיסעס, אקעי? ער טוט עס דאך קלאר אויסלעשן. ער טוט עס נאר נישט דירעקט, ער טוט עס אזוי אינדירעקט.

אבער מ'גייט צוריק צו די הויז וואס ברענט, איז דאך ווייטער, נישט פשוט אז מ'טאר נישט... די רמ"א זאגט מ'טאר נישט אויסלעשן דאס וואס ברענט. די רמ"א זאגט אז ס'איז אסור מדרבנן. יא, אבער דאס איז דאך אויך באופנים ווען ס'איז דא... אויב א האלבע הויז ברענט, קען ער דאך יעצט אנגיסן וואסער אויף די האלבע הויז. ווייל דאס איז דאך האלב פון וואס א פייער לעשער טוט איז דאך אויך אז די פלאץ וואס ס'ברענט נאכנישט זאל נישט אנהייבן ברענען. סאו אפילו ווען ער זאגט מ'טאר נישט אויסלעשן א פייער ווייל מ'טאר נישט ראטעווען א חפץ, מיינט ער דאך אויך דארטן אז ס'איז הייס זיכער מכבה ווען ער גיסט וואסער אויף א פייער. אבער עניטינג וואס איז האלב גרמא...

און איך זאג, דא גייט ער אריין מער אין די דעטאלן. **"שכח נר דולק על גבי טבלא"** — ער האט איינער געלאזט אן אנגעצינדענע לעכט אויף א טבלא, א טבלא איז א טישטוך. איז, נאר איז די טבלא ווי נאר פון א גמא, אן אנגעצינדענע לעכט איז מוקצה און אויך א גרם כיבוי, מעג ער אבער יא געבן א שאקל אפ די טבלא אין סורא פאל, ווי מכבה כבא עס ווייל אויסלעשן, ווייל ער ווייסט אז ער נישט גייט עס מאכן א פייער.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "טבלא"?**

**Speaker 2:** יא, איך בין ד plum איך ארץ אין מאכטן א מחבר וואס מען דער גייט... און איך בארגעסט נישט אז דער טאבלע איז א שחורה, און אויב דער לעכט גייט האבן אנגעקומען ביז די הענט, גייט עס אויס געווען, די טאבלער מיינט א שחורה. איך האב געמיינט אז ער מיינט עפעס איז א היזא... א טיש טאך איך, איך ווייס נישט, אויף וואס טייטשט א טבלא?

**Speaker 1:** איך ווייס נישט, א ווייסט נישט וואס דארטש. ער זאגט, איך האב געמיינט א לוח, די טיש.

**Speaker 2:** טיש?

**Speaker 1:** אקעי, לאמיר זאגן א האלז אין די טיש. געווענליך לייגט מען נאר אויף א היסן, אויף א שטיין. מען ווייסט אז עס קען דאס זאגט חששות. און פאראייל מיר זענעסט איז א מסוקים?

**Speaker 2:** ער זאגט נישט, ער זאגט נישט, ער זענט שכאך נערדליג.

**Speaker 1:** יא, אבער פארוואס? אונז גייט פארברענען? פארוואס גייט פארברענען?

**Speaker 2:** ער שעס טוב, ער וויל נישט מערדליך, איך וועל כאפ נישט. שכאך נערדליג.

**Speaker 1:** יא, פון די קאנטעקסט, ער זאגט ער זעט אז ס'איז דא א חשש אז ס'קען מאכן א פייער, מעג מען עס געבן א שאקל אראפ. אויך מיט דעם כיבוי כיבוי, אז ס'איז נישט קיין זיכערע כיבוי, ווען ס'איז א גרם כיבוי אדער ס'איז א נישט זיכערע כיבוי מעג מען.

**חילוק צווישן "שכחו" און "הניחו בערב"**

**Speaker 1:** דאס איז אויב ער האט איבערגעלאזט א נר דולק. **אבל המניחו בערב**, אבער אויב האט ער עס געלייגט ערב שבת, וואס טייטשט? וואס טייטשט שכחו? שכחו מיינט שכחו פון ערב שבת. שבת טאר מען נישט לייגן א לעכט.

**Speaker 2:** יא, אבער ווי רעדסטו? אבל המניחו בערב, דאס הייסט אז ער האט עס געלייגט קבוע שבת. שבת מעג מען נישט לייגן א לעכט, ער האט נישט געטארט לייגן.

**Speaker 1:** ניין, בערב מיינט פאר שבת.

**Speaker 2:** וואס מיינט די פריערדיגע?

**Speaker 1:** זאג איך דיר, ווייל דעמאלטס ווערט עס מוקצה די טאבעלע.

**Speaker 2:** אה, דו ווילסט זאגן אז די חילוק איז שכחו אדער הניחו?

**Speaker 1:** ווען ער האט נישט געמיינט עס ארויפצולייגן דארט, ער האט למשל ארומגעוואקט מיט א לעכט און געזיכט עפעס, און ער האט עס אראפגעלייגט אויף די טיש ערב שבת, און ער האט אין זינען געהאט עס אוועקצונעמען און ער האט פארגעסן, מעג מען, ווייל ער האט נישט געמאכט די פלאץ פאר א בסיס. אבער אויב ער האט עס אוועקגעלייגט דארטן בדווקא, דעמאלטס ווערט עס א בסיס לדבר האסור, טאר מען עס נישט שאקלען.

**שאלה: אויב ס'איז דא מורא פאר א פייער**

**Speaker 2:** איך גלייב אז אויב מ'האט מורא פאר א פייער, וועט מען מעגן אויך באופן הניחו, ווייל אויב מען מעג גרם כיבוי וועט מען אויך מסתמא מעגן מוקצה וועגן א פייער, רייט?

**Speaker 1:** פארוואס זאג איך דיר, ס'זעט נישט אויס פאר סאם ריזען אז די נר דולק רעדט זיך וועגן ס'איז א סכנה. ס'זעט עפעס אויס אז ס'איז א סכנה?

**Speaker 2:** דאס זאג איך, יא. איך זאג דיר, אויב ס'איז נישט סכנה, איך רעד ווען מ'האט מורא פון א פייער, נישט סכנה. סכנה האבן מיר שוין געשמועסט, מ'איז ראטעוועט פון די אלע זאכן. ווען קופסטו? קופסטו אז ער גייט א ספר תורה, ווייל ער וויל ראטעווען די ספר תורה.

**Speaker 1:** סאו אויב אזוי וואלט איך געזאגט אז די נר דולק רעדט אויך פון אזא מין פאל, אבער דעמאלטס וואלט מען געמעגט אפילו הניחו בערב, ווייל ס'וואלט אויך דארט געווען מוקצה. איז וואס איך זאג.

**Speaker 2:** אה, יא, איי דאונט נאו. ס'זעט אויס אז נישט, ס'רעדט זיך נישט פון קיין קלענערע פראבלעם. ווייטער.

**הלכה: נכרי שבא לכבות**

**Speaker 1:** **נכרי שבא לכבות**, א גוי וואס איז געקומען אויסלעשן. איך ווייס נישט פארוואס ער זאגט עס אזוי פריער, ער האט געדארפט רעדן אביסל מער הלכה. א גוי זעט אז ס'איז דא א פייער און ער לעשט אויס, דארף מען אים נישט מוחה זיין און זאגן אז ער זאל נישט אויסלעשן. מ'רופט נישט א גוי הייסן אויסלעשן, אבער ווען ער קומט אליין אויסלעשן, דארף מען אים נישט סטאפן. מ'דארף אים נישט זאגן נישט יא און נישט ניין. מ'דארף אים נישט סטאפן.

איינמאל ער קומט, דארף מען נישט זאגן אויסלעשן. מ'רעדט נישט ווען מ'רופט א גוי אויסלעשן, מ'רעדט ווען א גוי קומט פון זיך אליין אויסלעשן. ער קומט אויסלעשן, דארף מען אים לאזן אויסלעשן. מ'האט נישט קיין שום מצוה אים צו מאכן שובת זיין, ווייל מ'קען אים זאגן אז ס'איז נישט א מצוה.

**הלכה: קטן שבא לכבות**

**Speaker 1:** אבער דאס איז א נכרי. **אבער קטן שבא לכבות**, א אידישע קטן קומט אויסלעשן, **אין שומעין לו**. מ'לאזט אים נישט. דער לשון "אין שומעין לו" איז אן אינטערעסאנטע לשון. ער קומט בעטן רשות. אזויווי אין שומעין לו, ער בעט נישט רשות. יא, ער קומט. די זעלבע פאל, ס'קומט א פייער, קומט דער עולם צולויפן אויסלעשן. דער גוי וואס ער קומט, אונז זענען שטיל, ער פארשטייט אליין וואס צו טון, מאכט מען מיט אים א חשבון נאך שבת. דער קטן וואס ער קומט, זאגט מען אים ניין, דו טארסט נישט.

**Speaker 2:** ניין, מ'זאגט אים נישט גארנישט. אין שומעין לו, לאמיר שוין זען.

**Speaker 1:** **ואם עשה על דעת אביו**, אויב ער טוט עס פאר די טאטע, וועגן דעם זאל די טאטע נישט זאגן יא, גיי לעש אויס. הייסט עס, מ'דארף אים זאגן אן אלטע חבר. מ'דארף אים זאגן אן אלטע חבר. לאמיר שוין זען. ער זאגט אים אין שומעין לו, מ'זאגט אים לעש נישט אויס. אבער מ'לאזט אים נישט, בקיצור. מ'שטופט אים אוועק, וואס ס'איז. מ'געבט אים נישט די רשות דאס צו טון.

אבער **ואם עשה על דעת אביו**, ער טוט על דעת אביו, ער ווארט אויף די טאטע'ס הסכמה, ער וועט עס נאר טון אויב די טאטע הייסט. **אבל מעצמו**, אויב ער טוט עס פון זיין אייגענע דעת, **אין בית דין מצווין להפרישו**, בית דין איז נישט מצווה אים מפריש זיין, נאר מ'לאזט אים אויסלעשן.

**חידוש: קטן וואס טוט מעצמו — מ'דארף אים נישט סטאפן**

**Speaker 1:** דאס איז אן הלכה וואס וויניגער מענטשן ווייסן. ניין, ס'איז געהעריג די הלכה. דער קטן וואס טוט פאר די טאטע, דארף מען אים סטאפן, די טאטע דארף אים סטאפן, אדער די בית דין דארף אים סטאפן. אבער א קטן אליינס, א קטן וואס טוט עס סתם, איז נישטא קיין שום ענין אים צו סטאפן. נאר שבת ווען ער טוט פאר די טאטע, דעמאלטס, על דעת אביו, דעמאלטס איז א פראבלעם. אבער א קטן וואס עסט חזיר, אזויווי די הלכה, א קטן וואס ער טוט עבירות, איז דא א מצוה צו מחנך זיין קטנים צו טון א מצוה. די חינוך איז נישט קיין כפיה צו כופה זיין א קטן נישט צו טון אן עבירה. סא אויב ער טוט אליינס, איז מען נישט מוחה. מ'האט נישט קיין מצוה אים צו סטאפן.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "אין שומעין לו"?**

**Speaker 2:** מען דארף וויסן, איך האב נישט געלערנט אזוי אין די מפרשים, אבער איך וואלט געזאגט אז "אין שומעין לו" מיינט נישט אז מען סטאפט אים, נאר "אין שומעין לו" מיינט אז ווען ער קומט און פרעגט "טאטי, זאל איך?", זאגט אים נישט דער טאטע "יא".

**Speaker 1:** ניין, ניין, ניין, ס'איז נישט אנדערש. ער זאגט אים "איך זאג דיר גארנישט".

**Speaker 2:** ניין, לאמיר גיין לאמיר גיין לאמיר גיין, ניין, ניין, ניין, ס'איז נישט אזוי. ווייל דאס איז דאך דער חילוק פון א גוי מיט א קטן. דאס שטייט דאך קלאר דא. דאס איז דער חילוק פון א גוי מיט א קטן. א גוי זאגט מען נישט "אל תכבה", און א קטן זאגט מען יא.

**Speaker 1:** אבער דעם נישט זאגן "יא" אויף דעם וואס דו זאגסט איז גערעכט, ווייל דו לייענסט די המשך. אבער דאס וואס די רמב"ם זאגט א טענה, דאס וואס מיר טארן אים נישט לאזן, דאס איז דוקא באוכל דעת עליו, און דעמאלטס לאזט מען אים כאילו ער טוט אליינס. אבער אנדערש דארף מען אים מוחה זיין. זעט מען ארויס אז דאס איז די הלכה. "אין שומעין לו" איז נישט "אין מניחין לו".

**Speaker 2:** ס'איז יא די טייטש, ס'איז יא די טייטש, פליז, ס'איז נישט קיין ספק. איך האב דיר געזאגט, ס'איז נישט קיין ספק. ס'שטייט נישט אזוי אין די מפרשים. ס'שטייט נישט אזוי אין די מפרשים. ס'איז נישט קיין מפרשים. ס'איז נישט קיין מפרשים. ס'איז די טייטש, "אין שומעין לו" מיינט מען לאזט אים נישט אויסלעשן די פייער. דאס איז די טייטש.

**מה שאין כן א נכרי**, דאס איז די חילוק. א נכרי איז "אין שומעין לו" קרי, "אין שומעין לו", אבער מ'זאגט אים נישט גארנישט. א קטן זאגט מען יא. נישט דא קיין אנדערע פשט. ס'איז נישט דא קיין אנדערע פשט.

**Speaker 1:** איך האב באמת צוריק געזאגט אן אנדערע פשט, נאר דו זאגסט אז ס'איז נישט דא קיין אנדערע פשט. איך האב עס פלעגן נישט געלערנט. וואס איז די חילוק צווישן דעת עצמו אדער ער קומט פרעגן? איך פארשטיי נישט.

**Speaker 2:** די קינד אליין מעג, די טאטע טאר אים נישט זאגן. דאס הייסט "אין שומעין לו". די טאטע איז נישט מקבל פון אים.

**Speaker 1:** אה, גייסטו אויסלעשן?

**Speaker 2:** ניין, ער מעג נישט. ער מעג נישט. ער מעג נישט. מ'מעג אים נישט לאזן. מ'דארף אים זאגן "ניין, דו לעש נישט די פייער".

"אין מניחין אותו להפרישו". דאס איז ווען ער קומט מדעת עצמו. מיט אנדערע ווערטער, אז אונז ווייסן נישט וואס איז די טייטש "דעת עצמו" און

"דעת אביו", דאס איז א שטיקל פראבלעם, וואס די מפרשים ווייסן נישט קלאר וויאזוי צו פארענטפערן. ווייל די קטן, וויאזוי שטייט דארט? "שפיסותיו עליו", דאך איז דא א מצוה אז די טאטע טאר נישט לאזן. וויאזוי שטייט דארט? "בנו ובתו הקטנים", איז דא א זאך וואס די קטן איז "שפיסותיו עליו", אבער דאס מיינט נישט אז די קטן וואס טוט אליין. דאס מיינט די קטן וואס טוט על דעת אביו.

**פארטיפונג: וואס מיינט "דעת אביו" און "דעת עצמו"?**

**Speaker 2:** וואס איז די טייטש "דעת אביו"? דאס איז וואס דו פרעגסט, מרים, ווי אזוי דאס איז וואס מען קומט מיט דעת עצמו. און די אנדערע ווערטער, אז אונז ווייסן אז א נכרי וואס טוט על דעת די איד, מעג ער. דאס איז דאך אויך די זעלבע וואס קענסטו זאגן, "שלא ינוח ויניחו עליו". אונז איז נישט מיין דזשאב נישט לאזן א גוי ארבעטן פאר מיר שבת, ס'איז לאזן א גוי טון מלאכות פאר מיר שבת. דאס הייסט, מדרבנן איז יא דא. דאס איז דאך מדובר אין א נכרי, און דא איז דאך א קולא פון די חכמים. אבער א קטן איז יא דא אזא זאך, ווייל מ'דארף אים סטאפן.

**פארבינדונג צו רמב"ם פרק כ"ד**

**Speaker 2:** סא איז אזוי, דער רמב"ם אין דעם פרק כ"ד זאגט אזוי, אז א קטן וואס טוט בשבת דבר שאינו שבות, אין בית דין מצווין להפרישו. און אויך אויב דער טאטע לאזט, אין אנו מחייבין אותו למחות בו. ביי פייער, היות אז חז"ל האבן געמאכט דארט פארשידענע קולות אויף פייער, מ'האט געמאכט געוויסע גרמות און זאכן, זעט מען מער ארויס די פשט. ביי פייער איז אנדערש ווי ביי אנדערע זאכן, אפילו א זאך וואס איז נישט שבות, אפילו א דאורייתא.

אויב די קינד טוט עס נישט על דעת אביו, דאס הייסט, ער באקומט נישט קיין הינט פון די טאטע ער זאל עס טון, איז אין בית דין מצווין להפרישו, און לכאורה אויף די טאטע לאזט ער אים. על דעת אביו מיינט נישט נאר ער רמז'ט אים מיט די הענט. על דעת אביו איז א פסק. איך ווייס נישט וואס איז די טייטש, ער געהעריג על דעת אביו, על דעת עצמו. ס'מיינט עפעס וואס ער מיינט צו טון צו העלפן זיין טאטע, אדער ער מיינט סתם, ער האלט ער איז אזוי גענוג גרויס, ער האלט אליינס ביים אויסלעשן די פייער, אדער עפעס אזא זאך. ער ברענגט דארט נישט די חילוק, ווייל ער זאגט, ער טענה'ט אז געווענליך טוט ער יא על דעת אביו, ממילא מספק דארף מען מוחה זיין.

**מסקנא: "אין שומעין לו" מיינט מ'דארף מוחה זיין**

**Speaker 2:** מיר זעען אז דער רמב"ם, אין שום מקום מיינט ער נישט מ'דארף מוחה זיין. ס'איז נישט גערעכט, יענער רעדט זיך מיט די רבנן. אין שום מקום מיינט ער נישט מוחה זיין. אין שום מקום מיינט ער, ער קומט און זאגט, סא וואס זאל ער אים נישט זאגן? זאל ער אים נישט זאגן "יא, גיי לעש אויס"? אין שום מקום האט ער נישט מיט דעם די קאנווערסעישאן, ער רעדט פון הערן. ער זאגט נישט "לאז אים נישט". טו מהאה טובה. ס'איז נישט דא קיין שום מקום וואס דו זאגסט. אין שום מקום מיינט אז מ'דארף מוחה זיין, דאס איז די טייטש. מ'דארף מוחה זיין. ס'שטייט נישט אין ערגעץ "צריך למחות בידו". ס'איז נישט קיין ספק, ס'מיינט "לאז אים נישט".

די גוי דארף מען זאגן "אל תעשה". אבער קענסטו יא לייענן, לייען א סענטענס. ס'איז נישטא קיין שום ספק, די מוסדות גייען אריין אין די גראונדס. ר' אהרן איז נישט עוועיק נישט

## הוצאה מרשות לרשות — אב מלאכה, שיעור, ועקירה והנחה

### סיום ענין דליקה: אמירה לנכרי בדליקה

איינשטיין וויל ער מיינט אז מ'דארף מוחה זיין, דאס איז דער טייטש. מ'דארף מוחה זיין אז ס'שטייט נישט חס ושלום "תורה גלימפס בידו". ס'איז נישט קיין ספק, ס'מיינט לחלוחית. ניין, ניין, ס'מיינט לחלוחית. דער רמב"ם, מיר זענען קיינמאל נישט געווען אין די גמרא. ס'שטייט אין די גמרא, ס'שטייט נישט אזוי.

אה, נאך מער, ער רעדט פון א גוי, רייט? נישט נאר וואס מ'דארף נישט זאגן פאר די גוי, "אל תכבה", "דליקה תירא לומר", יא? ביי דליקה מעג מען שיין, העלא? געווענליך טאר מען נישט לאזן אפילו א גוי, אפילו ווען א גוי טוט עס, טאר מען נישט הנאה האבן פון די גאנצע פראבלעם אז ער טוט עס על דעת ישראל. א גוי מעג טון על דעת ישראל, יא? ביי א דליקה, געווענליך מעג ער נישט. דאס האבן מיר געלערנט אין די גאנצע פרק פון אמירה לגוי, און מ'טאר נישט הנאה האבן אפילו פון א גוי וואס ער טוט על דעת ישראל. און אויך אוודאי טאר מען אים נישט זאגן. און בדליקה תירא לומר "כל המכבה אינו מפסיד". מ'מעג מאכן א זאך רופ'דיג וואס ס'זאגט אז ווער ס'וועט אויסלעשן וועט נישט פארלירן. דאס הייסט, מ'טאר אים נישט זאגן קלאר.

א גאנצע גראבע רמז, יא, ס'איז מער ווי א רמז, ס'איז מער עפעס אזוי ווי... די גאנצע זאך וואס דער רמב"ם הייבט אן, די ערשטע הלכה פון אויסלעשן א פייער זאגט ער מ'טאר נישט טון. למעשה האט ער אויסגערעכנט אלע מיני וועגן וואס מ'מעג יא טון, און מ'מעג אפילו מרמז זיין פאר גוים. רייט? ס'איז דאך דרבנן, וואס איז נאך מער, ס'איז דאך נאך איסורים, באט אין זיין סקריפט יעצט, איך מיין, מיר לערנען נישט יעצט די דרבנן. ס'איז דאך דרבנן וועגן דעם.

יא, אוודאי, מ'דארף אויסלעשן א פייער, מ'דארף אויסלעשן א פייער. ס'איז דא פארשידענע היתרים. בעצם איז עס ווי אלעס. די גאנצע איסור פון אמירה לגוי איז נאר מדרבנן, און די רבנן זענען לאזן נאך ווען ס'איז א צורך ביי א פייער. דאס איז דער כלל. בעצם איז עס נישט אנדערש פון אנדערע, רייט? אזוי ווי אנדערע זאכן וואס זענען א צורך אדער אזא זאך.

**הלכה ח: הוצאה מרשות לרשות — אב מלאכה**

יעצט גייען מיר זאגן הוצאה מרשות לרשות. אנהייבן צו טון האבן מיר, יא. די לעצטע פון די ל"ט מלאכות איז די מלאכה פון הוצאה מרשות לרשות. די הוצאה מרשות לרשות איז די הלכה וואס האט די מערסטע דאס איז א חידוש, וואס שטייט דא אז ס'איז די מלאכה וואס דער מענטש טוט די מערסטע, כאפט ער אן. אמת, ס'איז אן ענין, אבער דאך, ער קומט אויס צו טראגן פון איין רשות צו די אנדערע. אויף דעם איז דא זייער אסאך הלכות. מען דארף מאכן א עירוב, ווייל אז נישט וואלט מען עס געטון. ס'איז דאך זייער נאטורליך, א מענטש האט זאכן אין זיין טאש, און ער קען זייער גרינג נכשל ווערן. ס'איז דא אסאך דעטאלן, יא.

איך האב שוין געפרעגט וועגן דעם, ווייל אלעס איז נישט וועגן פראקטיש. קודם כל, ס'איז דא אסאך דעטאלן, און מען דארף פארשטיין פארוואס. ס'איז אפילו אפיקי דרבנן. ס'איז אויך דא אן עקסטערע פסוק אויף דעם. אה, לאמיר לערנען, לאמיר לערנען. וויפיל זאכן גייט ער זאגן אין דעם פרק? אסאך, איך גיי עס נישט קענען ענדיגן יעצט. אקעי.

**פארוואס באטאנט דער רמב"ם אז ס'איז אן אב מלאכה?**

זאגט דער רמב"ם, **"הוצאה מרשות לרשות מלאכה מאבות מלאכה היא"**. ס'איז זייער פאני, ער וויל אפירקומען פון דעם צו זאגן אז ס'איז נישט קיין אב מלאכה. איז דא איינער וואס זאגט אזוי? איז דא א שיטה וואס זאגט אז הוצאה איז נישט קיין מלאכה? אדער ער מיינט אז דו וועסט מיינען אז ס'איז נישט קיין אב מלאכה? איז דא עניוואן וואס האלט אז ס'איז נישט? ניין, במתניתא מיין איך. וואס שטייט אין די משנה? קוק וואס ער זאגט ווייטער, ס'וועט זיך צוטון.

יא, דאס זאגט ער, אפשר מיינט ער וואס ער זאגט ווייטער. ס'איז עפעס סאונדט פאר מענטשן, פאר מענטשן סאונדט עס פאני אז ס'איז אן אב מלאכה. אלע אנדערע מלאכות באשאפט מען עפעס, טוט מען עפעס. דא האט מען דאך בסך הכל גערוקט עפעס פון איין זאך צום צווייטן. מיר האבן פריער אפילו געלערנט אז ווען זאכן זענען ווייט איינס פון די אנדערע הייסט נישט מחוסר מעשה, יא? דו האסט געלערנט. ס'איז נישט קיין מעשה בכלל. און ס'רעדט אוודאי אויף... אה, אפילו ווען ס'איז דא א היטער אינצווישן? ס'איז אן אנדערע נייעס שוין.

ניין, אין יענעם פאל מיינט עס אז ס'איז נישט מחוסר מעשה, ס'איז שוין אלעס געטון, ס'איז נאר אין צווייטע פלעצער. נישט נוגע. איך מיין נאר צו זאגן אז ס'איז טאקע זייער א שוואכע מלאכה. ס'איז זייער אנדערש ווי אלע אנדערע מלאכות וואס מען קריעיט עפעס, טוט עפעס, מאכט עפעס א טשעינדזש. דא טוט מען נישט קיין טשעינדזש. אבער ס'איז פון אבות המלאכות.

**ראיה פון פסוק: "איש ואשה אל יעשו עוד מלאכה"**

זאגט דער רמב"ם אזוי, **"אף על פי שדבר זה אין כל גופי תורה מפי משה מסיני הן"**, נעם איך אן. די זאך, פון וואו ווייסן מיר אז הוצאה איז איינע פון די ל"ט מלאכות? פון וואו ווייסן מיר די אלע אנדערע אכט און דרייסיג? ס'איז דאך אן אנדערע גופי תורה. זאגט דער רמב"ם, פון וואו? אזוויי אלע אנדערע גופי תורה וואס די חכמים ווייסן איז מפי משה מסיני. אבער די זאך אז דא שטייט מער אין פסוק מרומז אז הוצאה איז אסור בשבת. דער רמב"ן גייט דאך גלייך ברענגען א פסוק, א גאנצע, אז איך דארף עס נישט אויס. אבער דו זעסט אז דא פעלט מער אויס א פסוק, ווייל דאס איז איבער וואס מיר האבן געזאגט אז ס'איז שווער צו זאגן אז ס'איז א מלאכה.

א ראיה ברענגט ער, ס'שטייט דאך אין די תורה, **"איש ואישה אל יעשו עוד מלאכה לתרומת הקדש"**. משה רבינו רופט אויס, אז נאכדעם וואס מ'האט געהייסן די אידן זאלן ברענגען נדבות פאר'ן משכן, נאכדעם וואס זיי האבן געענדיגט ברענגען, זאגט ער מ'זאל נישט ברענגען מער, מ'זאל נישט טון מלאכה לתרומת הקדש, **"ויכלא העם מהביא"**. וואס איז די מלאכה? זיי האבן אויפגעהערט צו ברענגען. וואס איז די מלאכה וואס ער זאגט "אל יעשו עוד מלאכה"? ברענגען. זעען מיר פון דא אז ברענגען זאכן הייסט א מלאכה. זעען מיר אז טראגן זאכן קען הייסן מלאכה.

אקעי, זעט מען זייער גוט. ס'איז דאך לויט פשוטו של מקרא וואלט מען לכאורה געמיינט אז ס'ווערט נישט דא געמיינט טאקע א מלאכה, די מלאכה פון ברענגען, נאר ס'איז געמיינט די כלי צו די גבאי, צו די וואס גייען ארום גובה זיין די נדבות, זאלן מער נישט טון די מלאכה. "אל יעשו עוד מלאכה", וואס איז טייטש? רש"י טייטשט, איך מיין אז דאס איז די... "אל יעשו עוד מלאכה", די גמרא ברענגט די ראיה.

**מחלוקת ראשונים בפשט הפסוק**

די רשב"ם, יא, אנדערע ווילן טאקע נישט מסכים זיין מיט די פשט. די רשב"ם וויל זאגן אז די פרויען האבן געארבעט זאכן און געברענגט, זאלן זיי מער נישט מאכן נייע זאכן פאר'ן בית המקדש. די רמב"ן אויך וועט מער וויניגער פארשטיין אזוי. אבער יא, די רמב"ן וויל זאגן ביידע, איך קען קומען אהער קוקן. אבער רש"י גייט מיט די ראיה פון דא.

די רמב"ן טענה'ט אז מלאכה מיינט נישט אלעמאל ארבעט. ס'איז אזוויי ס'שטייט **"אשר לא שלח ידו במלאכת רעהו"**. די זאך וואס דו "אונסט" הייסט דיין מלאכה. סאו "אל יעשו עוד מלאכה" מיינט מ'זאל נישט ברענגען מער פון דיינע רכוש'ן, כביכול. ווייל זעט די רגל המלאכה אשר לפניו, וואס טייטש מלאכה? דיין ארבעט? ס'מיינט נישט דיין ארבעט, ס'מיינט די צוימ'ס וואס דו האסט געהאט, "מיין בעלאנגינגס".

סאו, אקעי, האבן מיר געזען די רמב"ן גייט נישט מיט שיטת רש"י, ס'איז די חכמים וואס זאגן די דרשה. דער רמב"ם ברענגט דא די חז"ל אז פון דא לערנט מען ארויס אז טראגן קען אויך הייסן א מלאכה. הוצאה הוי א מלאכה קורא אותה.

**מעביר ד' אמות ברשות הרבים**

**וכן למדנו מפי השמועה**, און אויך האבן זיי געלערנט אזוי מפי השמועה, ניין, נאך א זאך, הוצאה מרשות לרשות, זיי האבן געברענגט פון זייער הויז צו די... צו די... קודם האבן זיי געלערנט פון רשות היחיד צו רשות הרבים, אדער פארקערט, איך געדענק נישט וועלכע וועג עס איז געווען דארט.

אקעי. וכן למדנו מפי השמועה, אז איסער פון איין רשות צו די אנדערע, איז דא נאך אן אופן פון עובר זיין אויף איסור הוצאה: **המעביר ברשות הרבים, אין רשות הרבים, טראגן ד' אמות, מתחילת ארבע לסוף ארבע**, פון אנפאנג ד' אמות ביז סוף ד' אמות, **הרי הוא כמוציא מרשות לרשות, וחייב**.

איך מיין אז די ווארט איז ווייל ד' אמות איז די רשותו של אדם, און ווען דו גייסט מער ווי דעם איז עס אריבערגעגאנגען פון איין רשות צו די אנדערע. דאס קען זיין. אזוי זאגט דער רמב"ם, ס'איז כמוציא מרשות לרשות. אפשר מיינט ער נאך אן ענין אין הלכה. אבער יא, די גמרא זאגט "גמרא גמירי לה", ס'איז א מסורה. און אזוי ברענגט ער, לפי שארבע אמות, אזוי זאגט דער בעל המאור, זאגט ער אן פשט. אה, ס'שטייט אין די גמרא "גמרא גמירי לה", דער רמב"ם טייטשט "הלכה למשה מסיני", אבער דער בעל המאור זאגט דעם פשט אז ס'איז כמוציא, אזוי ליטעראלי, וויבאלד ווען א מענטש גייט אין רשות הרבים, ער גייט ארום מיט זיין קליינע רשות היחיד, און ווען ער טראגט אריין און ארויס פון דארטן טוט ער... ס'איז אינטערעסאנט, ווייל ער וואקט דאך די גאנצע צייט מיט מיט די ד' אמות, יא. און על כל פנים, אויב איז זיין נעכטיגע רשות היחיד איז מבטל געווען די פריערדיגע פלאץ, איך ווייס נישט. אקעי, וואטעווער, דאס איז די הלכה.

**סטרוקטור פון אב מלאכה: הוצאה והכנסה**

זאגט דער רמב"ם אזוי: **"וזהו אב המלאכה"**, דאס איז די אב מלאכה. אה, סאו מ'קען זאגן אזוי, ס'איז אזוויי אויך... איך ווייס נישט אויב ס'איז ריכטיג, אבער יעדע מלאכה האבן זיי געזאגט, ס'איז דא אן אב מלאכה און ס'איז דא אנדערע וועגן. סאו למשל, די לשון די אב מלאכה איז הוצאה והכנסה. דער רמב"ם מאכט נישט קיין חילוק פון הוצאה און הכנסה. די גמרא רעדט פון סתם אז הוצאה און הכנסה איז האלט אזוויי די זעלבע זאך, אבער ס'האט אנדערע ווערטער, הוצאה און הכנסה. און דער רמב"ם זאגט "תחילת ארבע לסוף ארבע" איז אן אופן מלאכה. דאס וואס איך טראכט, אפשר דאס איז אן... אדער אפשר קען מען זאגן מער, אז הוצאה איז די עיקר מלאכה, און הכנסה איז די זעלבע זאך. אויב ס'איז אים מעיין, אבער ס'איז דאך מעביר רשות הרבים איז קו. איך ווייס נישט וועלכע... ס'איז סתם, ס'העלפט מיר ווייל איך האב ליב מיין... איך שרייב דא אריין מיינע סטראקטשערס, אבער ס'איז נישט איינגעקומען עניוועיס.

**הלכה ט: שיעור הוצאה — שיעור המועיל**

זאגט ער, וואס איז די שיעור? גייט די רמב"ם שמועסן וועגן די שיעור און אזוי ווייטער, אין די א' מלאכה. זאגט די רמב"ם, אה, דאס איז איינע פון די סיקרעטס פארוואס הוצאה האט אזויפיל הלכות. יעדע זאך האט בערך א שיעור לויט וויאזוי מ'נוצט אים געווענליך, אזוויי לאוכל. ביי הוצאה קען דאך זיין עניטינג, סאו יעדע זאך האט זיך אן אייגענע שיעור.

די שיעור הוצאה, ביים מאכן עפעס איז דא די שיעור וואס די זאך הייסט חשוב לגבי די זאך. און הוצאה ווענדט זיך לגבי וואס דו טוסט עס, און אסאך משניות, אסאך הלכות פון הוצאה זענען מפרט זיין אלע זאכן וואס די שיעור הוצאה איז. פארדעם זאגט די רמב"ם, **"ושיעור המועיל". "ואינו מוציא מרשות לרשות חייב עד שיוציא כשיעור המועיל"**, ביז ער טראגט ארויס א שיעור וואס איז מועיל פאר די געוויסע זאך. דו וועסט שפעטער זען, טראגן סממנים איז אביסעלע, טראגן אנדערע זאכן איז שטערקער, איז דארף מען מער. ווען ער טראגט א שיעור המועיל, א שיעור וואס העלפט, א שיעור וואס איז חשוב, **מרשות הרבים לרשות היחיד, אדער פארקערט מרשות היחיד לרשות הרבים**.

**עקירה והנחה — תנאי בשיעור הוצאה**

וויאזוי דארף גיין די הוצאה? זאגט ער, ס'דארף זיין **"ויעקור מרשות זו ויניח ברשות שניה"**. רייט. אה, דאס איז נאך א תנאי. ס'איז ווי נאך א... ס'איז דא צוויי שיעורים. די שיעור הוצאה מיינט, קודם כל ס'דארף זיין א שיעור המועיל, וואס דאס מיינט ווייסן מיר נאכנישט יעצט, מיר גייען דיסקאווערן אין שפעטערדיגע פרקים. חוץ פון דעם דארף זיין א עקירה און א הנחה. דאס איז נישט פארט פון די שיעור, נאר ס'איז א תנאי. נעמען פון די איין רשות וואו ס'איז ארויס און לייגן אין די אנדערע רשות וואו ס'איז אריין. **"אבל אם עקר ולא הניח"**, אבער ער האט נישט געטון די גאנצע זאך, ער האט עוקר געווען פון איין רשות, אבער אין די אנדערע רשות איז

נישט געווען קיין הנחה, ווייל ס'איז געבליבן ערגעץ למעלה מעשרה טפחים, וואטעווער, מיר וועלן זען שפעטער וויאזוי איז דא אזא מציאות, **"או להיפך הניח ולא עקר"**, אדער ער האט יא געטון עקירה והנחה, אבער ער האט עס געטון מיט א זאך וואס איז ווייניגער ווי די שיעור, **איז פטור**.

וואס איז אינטערעסאנט אז די רמב"ם קוקט דאס אן אלס פארט פון די שיעור. דאס איז דאך דאס, דאס איז דאך ווי דער פלאץ ווי ער רעדט ארום די שיעור, סאו שיעור איז דא א שיעור. קיצור, איך נעם א קריאה און א נתינה אזוויי פארט פון די שיעור פון הוצאה.

**פרק יב: הלכות הוצאה מרשות לרשות — עקירה, הנחה, שיעור, ודרך המוציאין**

**הלכה ט — עקירה, הנחה, ושיעור אלס טיילן פון הוצאה**

וכן... ס'איז אינטערעסאנט אז דער רמב"ם קוקט דאס אן אלס פארט פון די שיעור. דאס איז דאך די פלאץ ווי ער לייגט אריין די שיעור. סא שיעור איז דא א שיעור, און ער גיבט צו דעם עקירה און הנחה אלס ווי פארט פון די שיעור אין הוצאה. איך האב אלעמאל געמיינט אז מ'קען דאס רופן א שיעור, אבער ס'איז אזוי ווי הלכות הוצאה מיינט אז מען טוט די ביידע פארטס.

**וכן המעביר מתחלת ארבע לסוף ארבע ברשות הרבים**, די זעלבע זאך, דארף זיין אן עקירה און אן הנחה און די שיעור. **ואינו חייב עד שיעקור כשיעור**, ד' אמות של רשות הרבים איז אויך די זעלבע זאך, אז ס'דארף זיין אן עקירה פון איין ד' אמות און אן הנחה אין די אנדערע זייט, און ס'דארף זיין א שיעור, כשיעור, **עד שיעקור כשיעור ויניח בצד האחרת**. ס'איז זייער גוט.

**הלכה י — תולדות המוציא: זורק און מושיט**

און יעצט גייט דער רמב"ם זאגן די תולדות פון דעם. זאגט דער רמב"ם אזוי, ווארפן, ווארפן איז דאך זייער ענליך. אדער קען מען טראגן עפעס, אדער קען מען ווארפן עפעס. אויב איינער ווארפט פון רשות לרשות, איז אויך דא אן עקירה פון איין רשות און אן הנחה אין די אנדערע רשות דורך די זריקה. או המושיט, אדער ער גיבט איבער פון איינעם צום צווייטן, אויך באופן אז ס'איז דא אן עקירה מיט אן הנחה, **הרי זה תולדת המוציא, וחייב**. ס'איז נישט ממש די צורה איז אביסל אנדערש, אבער די אויפטו איז די זעלבע זאך, אז די חפץ קומט אן פון איין רשות צו די אנדערע.

**וכן הזורק או המושיט מתחלת ארבע לסוף ארבע**, די זעלבע זאך לגבי ד' אמות של רשות הרבים איז אויך די זעלבע זאך, אז זורק אדער מושיט איז תולדות המוציא וחייב.

**קשיא: פארוואס כלאחר יד נאר ביי זורק?**

**אבל הזורק כלאחר יד פטור.** ער זאגט אונז דאס נישט אויף מוציא. פארוואס איז דאס דא אריינגעקומען? איך ווייס נישט פארוואס ער האט אונז נישט געזאגט כלאחר יד אויף... ער וואלט אונז אויך געקענט זאגן כלאחר יד אויף מוציא, רייט? פארוואס איז דאס נאר אויף זורק? איך ווייס נישט. דאס איז נאך א פונקט אויף דעם. אין כלאחר יד האבן מיר געהאט ביי... ביי כיבוי האבן מיר געהאט ענינים פון כלאחר יד, און ביי כתיבה אויכעט. כתיבה איז דאך געווען די איסור וואס איז געווען כלאחר יד.

נישט די דרך, ער ווארפט עס שלא כדרך. דאס איז די טייטש, אבער פארוואס? עפעס א מאדנע וועג פון ווארפן, פארוואס? ער האט עס אויך געשריבן ביי כותב, און אויך ביי מעביר האט ער געמאכט פארשידענע, איך מיין מחבר, אפאר מינים ווי ער מאכט אפ צו שרייבן די הלכה פון כלאחר יד. איך וואלט אויך געדארפט שייך זיין ביי מוציא פונקט ווי ביי זורק. טאקע פאני. איך ווייס נישט. אקעי, מ'וועט עס שפעטער זען מער.

הלכה י"ג זאגט ער, אה, מ'גייט זען, ער גייט זאגן יא אז המוציא כלאחר יד איז פטור אויכעט, ביי די וועי. אין הלכה י"ג. פארוואס איז דאס געגאנגען? ס'איז נאך בעקווארדס. ס'שטייט יא, אין הלכה י"ג שטייט המוציא כלאחר יד איז פטור. פארוואס איז עס נישט געשטאנען גלייך? איך ווייס נישט. לאמיר לייגען וואס ער זאגט גלייך כלאחר יד, און דא ווארט ער. לאמיר זען אפשר דא האט עס א שייכות אין דעם, ס'איז מער פרטים.

**הלכה יא — מוציא מקצת החפץ: כלי מצרפן**

אקעי. המוציא... **מוציא מקצת החפץ מרשות לרשות**, איינער איז פטור. ס'איז נאך אזוויי א פארט פון די שיעור, אדער פון די... מ'נעמט עס ארויס פון איינע פון די צוויי, פון רשות הרבים צו רשות היחיד אדער פארקערט, רייט, אבער נישט די גאנצע, נאר ס'איז געבליבן א חלק פון די חפץ איז נאך געבליבן אין די פריערדיגע רשות, הייסט עס נאך נישט קיין מוציא. יא, דעמאלטס איז ער פטור, **עד שיוציא את כל החפץ כולו מרשות זו לרשות זו**. ער מוז נעמען די גאנצע.

**חידוש: כלי מצרפן כל מה שבתוכו**

ער געבט א דוגמא, וואס איז די חידוש פון די דוגמא? **קופה שמלאה חפצים**, א גאנצע שיסל אדער א קאנטעינער פול מיט זאכן, **אפילו מלאה חרדל**, אזוי קליינע זאכן. יא, דאס איז זייער שיין וואס ער זאגט, ווייל טויזנט שטיקלעך האסטו גארנישט ארויסגעטראגן, האסט ארויסגעטראגן טויזנט שטיקלעך חרדל פון איינס צו די אנדערע, אבער זיי זענען אלע בטל צו די כלי. אה, דאס איז דער חידוש פון הלכות כיפה. כיפה האסטו געמאכט פון די אלע ווייניגער. אז מ'קוקט אן די כיפה, מ'קוקט נישט אן וואס ס'ליגט אינעווייניג. וואס מ'קען זאגן אז די אלע חרדל'ען וואס זענען שוין אנגעקומען האסטו יא מוציא געווען. אה, **המוציא רוב**, אפילו רוב, נישט נאר דעם מיט רוב. אוכל, **פטור עד שיוציא את כל הכיפה. וכן כל אדומים זה, שהכלי מצרפן כל מה שבתוכו**, הכלי מאכט אלעס אינעווייניג פאר איין חפץ **לענין זה**. לענין זה, שבת אפשר נאך ענינים, אבער דאס איז דער כלל פון די כלי.

**הלכה יב — דרך המוציאין: וויאזוי מען טראגט ארויס**

**המוציא** איז אזוי, איינער וואס איז מוציא, סא יעצט גייען מיר לערנען וויאזוי, וויאזוי, וויאזוי, דרך המוציאין. יא, עפעס אזוי. ער נעמט ארויס א זאך מרשות הרבים, **בין בימינו בין בשמאלו בין בתוך חיקו**, חיקו טייטשט אין זיין טאש אדער אין זיין, וואס טייטשט חיקו? תחת הגורתו זאגט ער עפעס, אין זיין בגד. **או שיוציא במעות רגלין לו בפיטרין**, אויך דאס איז דער נארמאלער וועג, ער וויקלט זיך איין אסאך למעות אין זיין טלית, אין זיין שאל, איך ווייס וואס ס'זאל זיין, **חייב, לפי שהוציא כדרך המוציאין**, דאס איז דער נארמאלער וועג, מענטשן טוען די אלע זאכן.

**על כתפו — למעלה מעשרה טפחים**

**וכן המוציא על כתפו חייב**, אפילו ער נעמט אויף זיין אקסל איז ער אויך חייב אויף די פלייצע. **אע"פ שהמשא למעלה מעשרה טפחים ברשות הרבים**, הגם אז מ'קען טענה'ן אז רשות הרבים גייט נישט ביז צען טפחים, און פשטות איז דא א סוגיא וואס גייט שטיין שפעטער, רייט, מ'ווייסט נאכנישט, אבער על כל פנים המוציא על כתפו איז נאך אלץ חייב. **וכן המוציא על כתפו** איז נאך אלץ חייב, **על מה שכן אנו מוציאין במשכן למעלה מעשרה שהיו נושאין בכתף וישאו**, בכתף האט מען געטראגן די ארון, יא, די וויכטיגע כלים האט מען געטראגן בכתף, **וכל המלאכות המשכן** לומדים מיר דאך דארט, אז דאס הייסט געטראגן.

**דיסקוסיע: וויאזוי האט מען געטראגן בכתף?**

אבער וואס נישט? וואס קען מען מאכן א חילוק אז ווען ס'איז א העווי זאך וואס איז דער סדר בכתף וישאו איז איין זאך. וואס טייטשט אבער בכתף וישאו? זיי זענען געשטאנען איינס לעבן די אנדערע, און די ארון איז געווען דא אויף, מ'האט עס נישט געהאלטן אויך מיט די הענט? ס'איז געווען אויף די אקסל. וואס טייטשט יעדער איינער, מ'האט נישט אויסגעשטרעקט די הענט, ס'איז געליגן אויף דא, יעדער איינער האט זיך געבויגן איינס לעבן די אנדערע, און עס איז געלעגן אויף דא. אינטערעסאנט. פארוואס נישט? אויב עס איז דא אפאר מענטשן, געבן זיך אביסל א רוק פליט עס. פארוואס זאלן נישט זיין אפאר מענטשן האלטן אויך הענער? ס'איז גרינגער אזוי. ניין, מען האט עס געהאלטן מיט די הענט אויך, עס זאל נישט אראפפליען. דאס איז נישט די פראבלעם.

דער כוזרי מיינט אז זיי האבן זיך געטראגן אויף די אקסל. דאס איז דאך א פסוק. א מפורש'ע פסוק. איך מיין, דער פסוק מיינט לכאורה די וואך, גא? להפיק את הכלים. אז אלע אנדערע האבן באקומען עגלות צב, און זיי האבן באקומען "ולא בקתף ישאו". יא, אבער... ס'איז דאס מיינט מיט זייער גוף. אבער עס זעט אויס אז ס'איז אנגעקומען די גרינגערע וועג צו טראגן. ס'איז א חביבות'דיגע וועג. איך מיין, אז ווען מען האלט א ארון, האלט מען עס אייביג אין די... בדרך כבוד. מען האלט עס הויך, בען לעוועל. גוט, ס'איז נישט שענער אזוי? ס'איז אויך גרינגער. ס'איז אויך גאר גרינגער, ביידעוועי. ס'איז זייער שווערד. יא, טריי. ס'איז אסאך גרינגער צו שלעפן זאכן אזוי אויף די אקסל ווי אויף די הענט. ס'מיינט נישט אז מ'האלט נישט די הענט עפעס צו אונז אראפפליען.

ס'שטייט נישט כ'הכסף ישראל, אפיקי ידא, אויף מען עס איז געזעכט. בכתוב מיינט לכאור בגוף, האבן אפיקי בהגלות. אבער לכבודים, ס'שטייט א פסוק בכתוב. ס'איז אויך די איז ערשע פסוק.

**הלכה יג — שלא כדרך המוציאין: פטור אבל אסור**

**אבול המוצל...** אויער בסערה אויף זיין האר, האט מען געלערנט איין הלכה ביי די יולדות אז איר חבר'תא ברענגט איר שעמן אין א בסערה אדער ווי כוס שטאף בן וויגדו אויכעט. א כוס וואס איז צוגעבינדן אין זיין בעג, און די וויקיפיא א כוס למטה. ס'הייסט אין א טייש וואס איז געמאכט, לאמיר זאגן, פאר שיינקייט, אבער מ'קען נישט דארטן אריינליגן, ווייל ס'איז די פיול. ו עס איז נישט געקומען דרך הוצאה. אפילו עס איז יא געמאכט אריינצולייגן זאכן, אבער ווייל ס'איז פון אונטן דא א לאך. דאס הייסט נישט קיין נארמאלע טאש. ביים בערגא די בערגדא, די איין צווישן צוויי ויגדים האט עס אריינגעשטעקט. אדער **בפי ויגדא, בפיו ובגדו** מיינט לכאורה אין זיין קאלער, אדער אין זיין... וויאזוי הייסט דאס, די קאפס, וויאזוי הייסט די זאך? **ובמנעלו ובסנדלו**, אין זיין שיך, וואס הייסט ער זאל זיך טראגן א זאך אין שיך? **פטור. שלא הוציא כדרך המוציאין**, דאס איז נישט די וועג פון ארויסטראגן זאכן, איז ער פטור. פטור אבל אסור, אבער ער איז פטור.

**הלכה יד — המוציא משא על ראשו**

יא? אקעי. **המוציא משא על ראשו.** אונז האבן געזאגט אז אויב טראגט מען עס ארויס שלא כלאחר יד איז מען פטור. וואס איז דא המוציא משא על ראשו, אז איינער טראגט ארויס א לאסט אויפן קאפ? אין אונזערע היינטיגע צייטן איז נישט איינגעפירט, אבער מ'זעט עס אין אראבישע פלעצער, מ'טראגט זאכן אויפן קאפ, ס'איז א נארמאלע זאך.

**משא כבד אויפן קאפ — חייב**

איז אזוי, **אם היה שק כבד, משא כבד**, א שווערע לאסט, **כגון שק מלא, או טייבה, מגלה**, א שאפע, **שמונח על ראשו ותופס בידו**, מ'לייגט עס אויפן קאפ און מ'כאפט עס נאך אן צו די זייט מיט די הענט, **חייב, שכן דרך המוציאין**, ס'איז נישט קיין שינוי, נאר דאס איז די וועג עס צו טון. א שווערע זאך נוצט מען די קאפ און די הענט צו די זייט. מ'נעמט עס נישט אזוי ווי על כתפו בידו, ס'איז נאך א מהלך וויאזוי צו טראגן, אזוי ווי כתפו בידו איז דא על ראשו.

**חפץ קל אויפן קאפ — פטור**

**אבל אם היה חפץ קל, כגון שהניח בגד או סכין או ספר על ראשו והוציאו, ואינו אוחזו בידו**, ער כאפט עס נישט אן מיט די הענט, ער האלט עס נאר אויפן קאפ, **פטור.** דאס איז די מנהג ירושלים בחתונות, יא, ער טראגט די זאך אויפן קאפ. ער מיינט צו זאגן אזא זאך וואס מ'דארף האלטן אויף די הענט, וואס ס'איז א גרויסע זאך, ס'איז שווער צו טראגן אויף די הענט, האלט מען עס אויפן קאפ. אבער א זאך, א קליינע זאך וואס דו קענסט טראגן אויפן קאפ אן אפילו האלטן די הענט, סתם איז עס א מאדנע זאך צו לייגן א בגד אויף דיין קאפ, אויף דעם איז מען פטור, יא.

פארוואס איז ער פטור? **שלא הוציא כדרך המוציאין, שאין דרך רוב העולם להוציא חפצים המונחים על ראשיהם.** ס'איז נישט די דרך העולם צו טראגן שווערע גרויסע חפצים אויפן קאפ. נישט שווערע גרויסע, סתם טראגן חפצים. גרויסע איז יא די דרך, אבער קליינע איז נישט די דרך. גרויסע איז די דרך, מ'טראגט דאך ריזיגע שטריימלעך. ס'איז א שאלה, איז מען פטור? ווייל מ'טראגט עס מיט די האנט, ס'איז בכלל נישט די דרך.

**המעביר ד' אמות למעלה מראשו — חייב**

**המעביר חפץ מתחלת ארבע לסוף ארבע ברשות הרבים**, ווען איינער טראגט א חפץ, און מ'שמועסט אז די ד' אמות ברשות הרבים מוז נאך א וועג נישט אויבן זיין, איז **אפילו שהעבירו למעלה מראשו**, אפילו ער האט עס געטראגן הויך העכער זיין קאפ, ער רעדט נישט דא פון לייגן אויפן קאפ, ער רעדט דא פון האלטן אויף די הענט אבער העכער די קאפ, **חייב**, אפילו עס איז העכער ווי, אפילו עס איז העכער ווי צען טפחים.

**הלכות שבת: המעביר חפץ ברשות הרבים והדינים של ד' אמות**

**הלכה: המעביר חפץ מתחילת ד' על פני ד' ברשות הרבים למעלה מראשו**

**Speaker 1:** א מעביר חפץ מתחילת ארבע על פני ארבע ברשות הרבים, א מענטש טראגט א חפץ. זיי האבן געשמועסט אז טאמער איז עס אין רשות הרבים מוז עס נאך א וועג קיין אויר זיין. איז **אפילו אם העבירו למעלה מראשו**, דאס הייסט אז ער האט עס געטראגן הויך העכער זיין קאפ — ער רעדט נישט דא פון לייגן אויפן קאפ, ער רעדט דא פון האלטן אויף די הענט אבער העכער די קאפ — **חייב.** דאס הייסט אפילו ס'איז העכער ווי צען טפחים, ווי די כלי, יא, דארט חייב.

פארוואס? ווייל דער מענטש טראגט עס. ווייל ווען מ'זאגט העכער צען אמות הייסט שוין נישט רשות הרבים, העכער צען טפחים, יא.

רייט. אזוי זאגט ער, און דער רמב"ם ברענגט טאקע אנדערע ראשונים וואס דינגען זיך אויף די הלכה. אה, ס'איז דא ראשונים וואס זאגן אז נאר אויב ס'איז געווען א עקירה מיט הנחה פארדעם, און נאכדעם איז עס יא געווען למטה מעשרה. אבער דער רמב"ם זאגט אז באופן זה איז מען חייב אפילו אויב ס'איז למעלה מעשרה.

איך דארף שפעטער האבן צו זען מער וועגן די עשרה מיט דעם טרייבן. לכאורה ווייל דער מענטש, דער מענטש איז בתוך עשרה. דער מענטש טראגט עס, כביכול, אה, ווען מ'זאגט למעלה מעשרה מיינט ווען למשל די עקירה איז אויף א פלאץ וואס איז למעלה מעשרה. אבער ווען דער מענטש וואקט מיט די זאך, כביכול, ס'איז אפשר קאנעקטעד צו די מענטש, יא? אזוי מיין איך, אבער איך האב נישט קיין ראיה.

**Speaker 2:** ס'זאגט עס דא בעל הרא"ש, דא האט ער דאך די ווערטער נישט די רא"ש, דא האט ער די ווערטער...

**Speaker 1:** ניין, ניין, ס'האט נישט צוטון, ס'איז למעלה מראשו, ס'שטייט אין, אבער ס'איז נישט די זעלבע סארט זאך ווי פריער. אבער ס'איז אוטאמאטיש קומט עס ארויס, ווייל ער זאגט אז אויב מ'טראגט עס אויפן קאפ באופן האסור איז אסור, מוז ער זאגן אז אפילו דו זאלסט טראכטן אז ס'איז דא די אישו פון העכער צען טפחים. קען זיין.

אבער ס'זעט יא אויס ווי דווקא מרשות הרבים, נישט מרשות לרשות. דאס האט צוטון דווקא מיט רשות הרבים די הלכה וואס ער זאגט יעצט? און פון איין רשות צו די אנדערע וועט זיין אנדערש ווען ער טראגט עס למעלה מראשו?

יא, דאס איז פון די גמרא, איך האב געווען געזעכט אז ס'האט צוטון מיט דעם וואס ס'איז א מענטש, אבער וואס זאל געווען ברשות היחיד? יא, קען זיין אז נישט, ווייל דעמאלטס קוקט מען מער אויף די פלאץ פון וואו און צו וואו ער טראגט עס. אקעי, שפעטער גייען מיר זען מער וועגן די וואו איז די מקום פטור, די העכער צען טפחים, אפשר דארטן וועט עס ווערן אביסל קלארער.

**הלכה: מותר לטלטל בתוך ד' אמות ברשות הרבים**

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"מותר לאדם לטלטל ברשות הרבים בתוך ארבע אמות על ארבע אמות שהוא עומד בצדם".** מיר האבן

געשמועסט אז די המוציא ד' אמות ברשות הרבים, אז מ'טראגט עס מער ווי ד' אמות ברשות הרבים, אבער וואו אין די ד' אמות וואו דער מענטש שטייט.

#### מחלוקת הראב"ד: דרך עליו

מיר האבן גערעדט אז מ'האט געזאגט אז דער ראב"ד איז מחולק אויף די הלכה פון פריער, דרך עליו, איז די שאלה וואס איז די טייטש. דער ראב"ד איז מחולק אין די הלכה פון די רמב"ם.

נאר וואס זאגט ער? ער לערנט אנדערש פשט אין די גמרא, אבער וואס זאגט ער האלטן אין אזא פאל, אז ער איז פטור?

**Speaker 2:** יא, מן הסתם.

**Speaker 1:** דער ראב"ד זאגט א חידוש פון די גמרא וואס דער רמב"ם רעדט וועגן, "אף על פי שעבר דרך עליו", דרך די מענטש, טייטשט ער אז אפילו א מענטש שטעקט אויס זיין האנט, פון די רעכטע האנט, און ער לייגט עס אויף די לינקע האנט אין די ד' אמות, סוף ד' איז תחילת ד', איז ער נאך אלץ חייב א גמרא, אז אינדערצווישן איז עס געווען אויף די מענטש, וואס איז כביכול א מקום פטור, איז תאש נישט. אבער אויב דער מענטש פארט מיט די זאך, איז א גאנצע צייט אויף די מקום פטור, דארף ער דאך זיין פטור.

דער ראב"ד'ס הלכה איז טאקע אויך ברשות היחיד ורשות הרבים. איך מיין אז דאס איז אויך דער רמב"ם'ס הלכה. פארוואס רעדט ער פון רשות היחיד לתחילת ד' סוף ד'? מסתמא ווייל געווענליך איז דאס נישט די וועג, געווענליך הייבט ער עס אויף פון ערגעץ, ס'איז נישט אויר אין רשות היחיד. ס'איז שווערער צו טראכטן אזא פאל.

**Speaker 2:** ניין, ס'קען זיין אזא פאל, אבער די ווארט איז נאר אז די נארמאלע פאל איז אז ס'ליגט ערגעץ אין רשות היחיד און ער הייבט עס אויף. דא רעדט ער, ווען א מענטש גייט אין רשות הרבים איז א נארמאלע זאך אז ס'ליגט שוין אויף אים.

**Speaker 1:** בעצם קען מען אריינלערנען אין די רמב"ם, דער רמב"ם זאגט נישט דא קלאר אז ער רעדט נישט ווי דער ראב"ד. מ'דארף מיר זען שפעטער ווען ער רעדט וועגן מקום פטור צו ס'וועט שטימען מיט די הלכה.

#### דיון: העברה למעלה מראשו

און דא קען מען דאך אויך לערנען אז א העברה למעלה מראשו, אז אינצווישן איז געווען העכער די קאפ.

**Speaker 2:** ניין, ניין.

**Speaker 1:** ניין? וואס הייסט שבירה? די גאנצע זאך איז דאך די טייטש א משא וועגן ד' אמות אין ישראל.

**Speaker 2:** אה, אהא. העברה, ער טראגט עס. ער טראגט א גאנצע זאך אויף די קאפ.

**Speaker 1:** ער זאגט נישט אז ער טראגט א גאנצע זאך אויף די קאפ, ער טראגט עס מיט די הענט, און אינצווישן לאנדט עס אויף די קאפ.

**Speaker 2:** דער רב האט געלערנט אן אנדערע פשט, ס'האט גארנישט מיט די קאפ.

**Speaker 1:** אקעי, לאמיר לערנען די גמרא, יא. און מיר קומען צו טיילן אינדערמיטן, כולי. העכער פלאץ, יא.

#### פירוש: "שהוא עומד בצדן"

און אין די ד' אמות פון די מענטש, אפילו ער איז אין רשות הרבים, הייסט עס ווי די רשות היחיד פון די מענטש, ווי די רשות פון די מענטש, און דאס הייסט א שטעטל, און ס'איז מותר מגען מלכתחילה.

**Speaker 2:** יא, לייען וייטער.

**Speaker 1:** וואס טייטש "שהוא עומד בצדן"? וואס מיינט דאס?

יעצט גייען מיר לערנען די הלכות פון ד' אמות ברשות הרבים. דאס איז... מיר האבן געענדיגט די נושא פון... וויאזוי הייסט עס? פון די נושא פון... שלא כלאחר יד און אזוי ווייטער, און מיר גייען לערנען וועגן כללים פון העברה ד' אמות ברשות הרבים. שטימט?

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** דא וועט זיין די נעקסטע פאר הלכות.

וואס טייטש "שהוא עומד בצדן"? **"מותר לו לאדם לטלטל ברשות הרבים בתוך ארבע אמות על ארבע אמות שהוא עומד בצדן"**. ער איז אינעם ד' אמות, דאס איז וואס ער רעדט. ער גייט מסביר זיין, דער רמב"ם גייט געבן פונקטליך, יא.

**"וכיצד הוא מטלטל? לכל רוח שהוא רוצה"**. מ'מעג מטלטל זיין אין די גאנצע ד' אמות. וואס טייטש, פיר מאל ד' אמות, אין די מרובע, אדער אלעס צוזאמען ווערט פיר אמות?

**"האמה של אלו מודדין בה, מודדין באמת האדם"**. מ'מעסט עס מיט די מענטש'ס אמות. וואס טייטש, ס'איז די גרויס פון זיין האנט, יא. אמה דא מיינט מען אמה, זיין אמותיו, יא, זיין האנט.

**"ואם היה ננס באבריו"**, אויב האט ער קליינע הענטלעך, **"נותנין לו ארבע אמות בינונית של כל אדם"**. מ'רעכנט אים א בינונית. וואס טייטש, אין געווענליך כלל, א מענטש רעכנט לויט זיינס, אפילו ס'איז א טראפ גרעסער, קלענער. אבער א מענטש וואס איז סיגניפיקענטלי קליין...

ער זאגט נישט וואס ס'טוט זיך מיט א מענטש וואס איז זייער גרויס. זעט אויס אז ס'גייט מיר יא זיין ד' אמות. זייער גרויס, ס'וועט פארקומען גרעסער. ס'ווערט נישט קלענער. ס'ווערט גרעסער, אבער ס'ווערט נישט קלענער. יא.

#### דיון: פירוש "לכל רוח שהוא רוצה" ו"עומד בצדן"

די טייטש פון די ווערטער איז נישט קלאר. ס'איז דא וואס לערנען אז ס'מיינט דא אז א מענטש קען מטלטל זיין ד' אמות פון פאראויס און פון די רעכטע זייט אויף די לינקע זייט, קומט אויס אז דו זאגסט פיר מאל פיר אמות בעצם, אין אנדערע ווערטער זעכצן אמות סקווער. און דער מגיד משנה האט געטענה'ט אז ס'מיינט נישט אזוי, ס'מיינט נאר לפניו, און ער האט נישט לכל רוח, נאר לפניו אדער בצדו. סאו, "עומד בצדן" מיינט דוקא מצד הצדדים, און נישט פון פאראויס און פון די בעק, אז ס'זאל אויסקומען פיר מאל פיר.

**Speaker 2:** יא, ס'איז נישט קלאר, ער זאגט אז ס'איז נישט קלאר פון די רמב"ם.

**Speaker 1:** אבער אפילו "עומד בצדן" סאונדט ווי עט ליעסט צוויי מאל פיר, פיר מאל פון זיין רעכטע זייט און פיר פון זיין לינקע זייט.

**Speaker 2:** ניין, "בצדן" קען מיינען אזוויוי אין די פראנט פון זיי, אין די סענטער פון זיי. נישט קלאר.

**Speaker 1:** "מרובע", אבער ער רעדט וועגן... דער רמב"ם זאגט יא אז ס'איז א מרובע, ס'מוז זיין עפעס א סקווער. די שאלה איז וואו רעדט ער די סקווער, וואס איז אין פראנט פון אים? אזוויוי ד' על ד' אין פראנט פון דעם מענטש? פארשטייסטו וואס איך זאג? אדער ארום אים אין די מיטן.

דער רמב"ם זאגט אבער נישט ארום דעם מענטש, ער זאגט "ד' על ד' לפניו". ס'רעדט זיך עפעס... ס'איז גערופן "בצדו" ווייל כביכול, פשטות וואלט איך געזאגט, אין די פראנט פון א מענטש איז דא א סקווער ד' על ד', דארט מעג ער טראגן. ער וועט זיך אויסדרייען, וועט ער זיך מיטדרייען. אבער מ'קען אויך הערן אז די ווארט איז ווייל ווען א מענטש שפרייט אויס זיין הענט, דאס איז א רשות, אבער די רשות איז "מצדו". נישט אין זיין זייט, "מצדו" מיינט נישט אין די זייט. ער שטייט אין די זייט פון די סקווער פון ד' אמות. אזוי וואלט איך פארשטאנען.

עברי טייטש, די מפרשים זענען נישט קלאר דא וויאזוי ס'ארבעט עקטשועלי די... וויאזוי הייסט עס... די ד' אמות.

#### הלכה: מקור הדין של ד' אמות — "שבו איש תחתיו"

**Speaker 1:** ער זאגט אזוי, **"מפי הקבלה אמרו חכמים"**, די חכמים האבן געלערנט אזוי מפי הקבלה, הלכה למשה מסיני, **"שזה שנאמר בתורה 'שבו איש תחתיו'"**, ס'שטייט אין די תורה "שבו איש תחתיו אל יצא איש

ממקומו", פון די ווארט "שבו איש תחתיו" לערנט מען ארויס "**שלא יטלטל חוץ למרובע זה**", אז א מענטש טאר נישט מטלטל זיין אינדרויסן פון זיינע ד' אמות, אדער פון די באקס פון ד' אמות, "**אלא מרובע זה שיעורו אורך אדם ופשיטת ידיו ורגליו, ובלבד יושב ונוטל**".

אויב א מענטש איז יושב, איז ער ווי ער מעג מטלטל זיין. יושב, ער רעדט דאך א פאל אז ער זיצט.

**Speaker 2:** ניין, איך וויל טייטשן די ווארט פסוק "שבו איש תחתיו". וואס הייסט "שבו איש תחתיו"? זיץ און זיי מטלטל. "אל יצא איש ממקומו". פון דעם טוט ער זיך ארויס, אז דארט ווי דו זיצסט מעגסטו מטלטל זיין אין די באקס טאטש פון איין עק און ווי דו קענסט ריטשן מיט דיין האנט ביז די אנדערע עק ווי דו קענסט ריטשן מיט דיין האנט, אדער ווייטער. מער פון דעם, אבער נישט אין דרויסן פון דעם. דאס איז ד' אמות, חוץ פון דעם.

**Speaker 1:** ווען ער זאגט אבער יא אז "כמדת ארך אדם שפשוט ידו ורגליו", איז דאס איז די שיעור. נאכאמאל, די שיעור ד' אמות איז ווען א נארמאלער מענטש איז בערך דריי אמות, לאמיר זאגן, הויך, אבער ווען ער שטרעקט זיך אויס די הענט קומט ער צו נאך אן אמה, איז אויסגעקומען פיר אמות. דאס איז די וויאזוי מ'האט באקומען די שיעור פון ד' אמות, דאס זאגט די רמב"ם דא. אבער נישט טייטש אז ער מעג נאר טראגן ווי ער קען אויסשטרעקן זיין האנט. ער מעג טראגן ווייטער פון דעם, ווייל ס'האט פיר אמות שיושב בצדו. ער איז נישט ווייט פון די פיר אמות.

**Speaker 2:** ס'האט צו זיין אזא, ווייל לויט דעם פשט וואלט מען עקטשועלי יא געקענט לאקעצן די מן שבת, איינמאל מ'קען נישט ווייל ס'איז ווייטער פון פיר אמות איז נישטא קיין יציאה. ווייל לויט דעם זאגסטו מיר אז מ'קען זיך ארויסזעצן און נעמען פון די פיר אמות ארום. דאס איז די פסוק, יא, מ'זאל נישט גיין קלויבן מן.

**Speaker 1:** אקעי, ס'איז נאר א דרש. "שבו איש תחתיו" מיינט זיץ וואו דו ביסט און גיי נישט ארום שבת זוכן מן. זאגט ער אז "שבו איש תחתיו", אז דארט וואו דו זיצסט, דארט וואו ס'איז "שבו איש תחתיו", דארט מעג א מענטש מטלטל זיין און נישט מער. מער פון דעם איז "אל יצא איש ממקומו".

**Speaker 2:** יא. ס'מאכט סענס, אזוי ווי דעמאלטס איז נישט קיין מלאכה, דעמאלטס ווען א מענטש זעצט זיך אוועק אין א פלאץ, און אין די קליינע פלאץ הייסט נישט געטראגן, ס'הייסט... אבער לאמיר זאגן אז ס'איז מער פון דעם. וואס איז רשות היחיד? ער מעג נאר אויסשטרעקן זיין האנט? ער מעג אויך טראגן ד' אמות. לפי זיינע ד' אמות פון וואו ער איז, בעיסיקלי.

**Speaker 1:** יא.

**הלכה: שנים שד' אמות שלהן מעורבין**

**Speaker 1:** זאגט די רמב"ם, לפיכך, אה, זאגט די רמב"ם אזוי, **היו שנים**, ס'איז צוויי מענטשן איינס לעבן די אנדערע, **מקצת ארבע אמות של זה לתוך ארבע אמות של זה.** זיי זיצן איינער לעבן דעם אנדערן, אדער זיי שטייען איינער לעבן דעם אנדערן, און ס'איז נישטא קיין ד' אמות צווישן די צוויי. זיין ארבע אמות טאטשט זיין ארבע אמות. **מביאין ואוכלין באמצע,** קענען זיי ברענגען עסן און עסן אינדערמיטן.

**ובלבד שלא יוציא זה מתוך שלו לתוך של חברו.** נאכאמאל, ס'הייסט אז מ'מעג אראפלייגן זיין

**טראגן אין רשות הרבים: ד' אמות, קעטן פון מענטשן, און שיעור אלכסון**

**הלכה: טראגן צווישן שכנים אין רשות הרבים**

**Speaker 1:**

**ובלבד שלא יוציא זה מתוך שלו לתוך של חבירו.** נאכאמאל, ס'איז טייטש מ'מעג אראפלייגן אזויווי איין טעלער אינדערצווישן מיט זיי, ער עסט צו זיין זייט און יענער עסט צו זיין זייט. ווארט, אבער דו טארסט נישט שטריקן פון נאר אין דיין פלאץ, צו זיין זייט. וואס איז די חידוש דא? מ'האט נישט גוזר געווען אויף דעם אדער וואס? שוין. יא.

**הלכה: דריי מענטשן – דער מיטלסטער (האמצעי מבליע ביניהם)**

**Speaker 1:**

זאגט ער ווייטער, לפיכך, **ואם היו שלשה, והאמצעי מבליע ביניהם**, און אויב ס'איז דריי מענטשן, דער מיטלסטער מענטש איז אינצווישן פון זיי, ס'איז דא פיר, פיר, פיר, **הוא מותר עמהן**, דער מיטלסטער מענטש מעג מיט ביידע, ווייל ער גרעניצט זיך מיט ביידע אין זיינע ד' אמות, **והן מותרין עמו**, און ביידע מעגן מיט אים. אבער **השנים החיצונים אסורים זה עם זה,** מ'זאגט נישט אז ס'ווערט יעצט דא ווי איין גרויסע רשות סמוכה, נאר, און מ'זאגט אויך נישט אז מ'אסר'ט דער מענטש אינמיטן, איך ווייס נישט, צוליב א גזירה אדער וואס, ער מעג דילן מיט, ער מעג מיט האלטן זיין צווישן זיינע צוויי שכנים, און די צוויי מענטשן אינדרויסן טארן נישט.

**הלכה: קעטן פון מענטשן – טראגן דורך אסאך מענטשן (אפילו מאה)**

**Speaker 1:**

לפיכך, **מותר לאדם לעקור חפץ מרשות הרבים**, א מענטש מעג מאכן אן עקירה פון א חפץ מרשות הרבים, **וליתנו לחבירו שעמו בתוך ארבע אמות,** ער האט א חבר לעבן אים אין די ארבע אמות, און די חבר האט לעבן אים נאך איינער און נאך איינער, אסאך מענטשן שטייען, **וכן חבירו לחבירו האחר שבצדו,** דער חבר מעג אים געבן פאר די נעקסטע מענטש וואס איז לעבן אים, **אפילו הן מאה,** אפילו ס'איז הונדערט מענטשן, און ס'קומט אויס אז ס'ווערט גערוקט פיר הונדערט אמות. ס'גייט מיך נישט אן, ווייל מ'קוקט נישט אויף די חפץ, מ'קוקט נישט אויף די זאך וואס איז געווארן געטראגן, אזויווי ס'שטייט **אף על פי שהחפץ הולך כמה מילין בשבת,** אגב, אז צווישן די אלע מענטשן איז די חפץ געווארן געטראגן א גרויסע אמאונט פון פלאץ בשבת **מותר**, ווייל **"אין לך כל אחד ואחד שנטל אלא בתוך ארבע אמות שלו"**. ווייל יעדער איינער האט נאר מיטגעהאלטן געווען אין זיינע ד' אמות.

**דיסקוסיע: חילוק צווישן הוצאה און אנדערע מלאכות – די נושא פון שנים שעשאוה**

**Speaker 2:**

ס'איז אינטערעסאנט, יא, ווייל למשל ביי אנדערע מין פאל, ווען מערערע מענטשן טוען א מלאכה צוזאמען, אזוי ווי ס'איז פריער געווען, איינער האט מעביר געווען אש, האט מען געזאגט אז צווישן די אלע זאכן איז ארויסגעקומען א גאנצע מלאכה. אבער ביי טראגן איז עפעס אנדערש. יא, דא איז דאך געשען אז די זאך איז געטראגן געווארן פיר הונדערט אמות. ס'איז געשען דא א מלאכה. וואלט מען געקענט זאגן אז צווישן די אלע מענטשן איז געשען א מלאכה.

**Speaker 1:**

ניין, ניין, יעדער מענטש האט געטראגן וואס אין זיין רשות, ער האט געטראגן אין זיינע ד' אמות.

**Speaker 2:**

ס'איז נישט אזוי משמע געווען אין די קעיס פון מעביר אש, אז יעדער איינער טוט א האלבע מלאכה. יעדער איינער טוט א גאנצע מלאכה דארט, ניין? ווייל יעדער איינער פון זיי אליין וואלט דאך געווען א גאנצע מלאכה. ס'איז נישט אזוי משמע געווען אז ס'איז א גאנצע מלאכה.

**Speaker 1:**

אבער דא איז דאך צוויי מענטשן, איז דאך שנים שעשאוה, די קלאסיק, איינע פון די קלאסיקס פון שנים שעשאוה איז אחד עוקר ואחד מניח, וואס ער איז נישט חייב. שנים שעשאוה איז פטור.

**Speaker 2:**

זיי האבן דאך געלערנט אז צוויי מענטשן טוען א האלבע מלאכה און צוויי צוזאמען. זיי האבן דאך געלערנט אז צוויי מענטשן...

### Speaker 1:

אויב איינער אליין וואלט וואן געקענט טון די גאנצע מלאכה, דעמאלטס איז דא די הלכה פון שנים שעשאוה.

### Speaker 2:

ניין, דאס איז קלאר. ס'איז דאך קיין פאל וואס צוויי מענטשן צוזאמען זענען זיך מצטרף צו איין מלאכה. דאס איז עקזעקטלי די כלל פון אין שנים יכולין לעשותה, דעמאלטס איז ער חייב, איז ביידע חייב. נאכאמאל, אויב איינער מאכט די עקירה און איינער מאכט די הנחה, איז דאס וואס? דעמאלטס איז שנים שעשאוה לרבנן, און ביידע קענען עס טון אליינס. עקירה און הנחה קענען ביידע טון אליינס. נישט אזוי ווי א גרויסע קורה וואס צוויי מענטשן קענען טראגן. איך מיין אז דאס הייסט זה יכול וזה יכול, ניין?

### Speaker 1:

זיי האבן געלערנט בפירוש ביי די נושא פון עקירה מיט הנחה, אה, יא, די כלל פון שנים שעשאוה, וואס איז דאס אין פרק א'?

### Speaker 2:

אחד יכול לעשותה, יא. למשל, יא, זייער גוט. כל מלאכה שיכול לעשותה לבדו, א קליינע זאך וואס ביידע קענען אליינס טון, למשל איינער טוט אן עקירה און איינער א הנחה, זענען זיי פטור, ווייל יעדער איינער אליינס קען מאכן די עקירה אדער די הנחה צוזאמען. די איינציגסטע אופן וואס מ'איז חייב איז א העווי זאך וואס ער קען נישט אליינס שלעפן.

### Speaker 1:

סאו דא איז זיכער א זאך וואס ער קען אליינס טון. סאו דא האט נישט מיט די שניים שעשאוה, ס'איז א כלל פאר זיך. ניין, די ווארט דא איז אז דאס הייסט בכלל נישט געטראגן. מ'קוקט נישט אויב די זאך איז געווארן געטראגן, נאר מ'קוקט אויב דער מענטש האט געטראגן, און קיין איין מענטש האט נישט געטראגן. דא איז אפילו ווייניגער פון דעם, ווייל דא איז אפילו ווייניגער פון שניים שעשאוה, ווייל די מלאכה איז אז א מענטש זאל מעביר זיין ד' אמות ברשות הרבים, און קיין איין מענטש האט נישט מעביר געווען ד' אמות ברשות הרבים. וואס גייט נאך אן אז עקסטערע מענטשן האבן געטראגן? יעדער מעג דאך טון עקסטער.

**קשיא פון אחרונים: איין מענטש אליין – פארוואס דארף מען צוויי מענטשן?**

### Speaker 2:

די אחרונים פרעגן א שאלה, אז אויב אזוי קענען דאך עס צוויי מענטשן טון די זעלבע זאך, פון זיך זעצן אויף די נעקסטע פלאץ, ער געבט איבער, און נאר מ'ריקט ער זיך צו די נעקסטע ד' אמות, און ער טראגט עס אין זיין ד' אמות. אפשר דער ראב"ד האט נישט געכאפט די דוגמא, אז כל אחד מטלטל בתוך ד' אמות שלו, ווייל ער קען זאגן אפילו ווען איין מענטש האט געטראגן די זעלבע, א גאנצע צייט האט ער נאר געטראגן בתוך ד' אמות שלו. אבער ס'איז דאך שווער, ווייל ער קען זאגן ביי יעדע... א מענטש אליינס, פארוואס דארף מען אפילו נישט קיין צוויי מענטשן? מ'קען אליינס. יעדע מאל וואן א מענטש טראגט, טראגט ער דאך אין זיינע ד' אמות, פחות פחות מד' אמות. נאר אויב ער מאכט אן עקירה און א הנחה, אויב ער סטאפט און מאכט א הנחה נאך סוף ד' אמות, פאר די ענדע פון ד' אמות, און נאכדעם הייבט ער עס נאכאמאל אויף, דארף זיין די זעלבע הלכה. די צוויי מענטשן לויט דעם קענען נישט... לייגן נישט צו. פארשטייסטו וואס איך פרעג?

**ראב"ד'ס מחלוקת: נאר בשעת הדחק**

### Speaker 1:

סאו קודם כל אזוי, די הייליגע ראב"ד איז מחולק אויף די עיקר הלכה. די ראב"ד זאגט אז א מענטש טאר נישט מטלטל זיין אין ד' אמות ברשות הרבים, נאר באופן שאין לו שם קביעות, כגון שיושב שם, אדער שיש לו שם צדדים. דעמאלטס בשעת הדחק האבן די חכמים געזאגט אז ער מעג. אבער סתם א מענטש וואס שטייט אין ד' אמות, זאגט די הייליגע ראב"ד, ניין, ער מעג נישט טראגן אין זיין ד' אמות. אבער וועך דער מענטש איז סטאק, ער האט נישט וואו צו זיין, האבן די חכמים געזאגט אז מען געבט אים ד' אמות. אה, דאס איז דער לשון, "מען געבט אים ד' אמות". דאס זאגט מען ביי א מענטש וואס איז ארויסגעגאנגען פון זיין תחום שבת, אדער וואס? רעד נישט פון די שטותים. דער שולחן ערוך פסק'נט להלכה ווי דער רמב"ם. אבער דער ראב"ד האלט בכלל נישט מיט די עצה. דאס איז קודם כל א זאך.

**רמב"ם – מותר לכתחילה מיט אסאך מענטשן**

### Speaker 1:

יעצט, איז דא אזא נושא פון... אין רמב"ם איז דא משמע אז מען מעג לכתחילה – ס'שטייט נישט, ס'שטייט קלאר "מותר" – אז צוויי מענטשן, הונדערט מענטשן, מעגן טראגן א חפץ, בפירוש דער רמב"ם. יא, מציאות הרי שהשיגוהו, ער האט עס קיינמאל נישט געקענט אנקומען. אבער לויט די שיטת הרמב"ם, האלט דער רמב"ם אז מען מעג טראגן לכתחילה ווי לאנג מען וויל, ווי לאנג אז קיין איין מענטש טראגט נישט מער ווי ד' אמות.

מען דארף וויסן, מען דארף לערנען שפעטער אין באר היטב וואס גייט שטיין אין די רבנים וועגן די משאכשיך, אז דארט איז משמע אז פאר איין מענטש אליין האבן די חכמים נישט געלאזט דאס טון נאר בשעת הדחק, אזוי ווי משאכשיך. און די דרך טוט מען דאס, אז מען האט עס געלערנט אויך, אז דער מענטש זאל מניח פחות פחות מד' אמות, וואס בעצם טעכניש איז מדאורייתא מיינעך די זעלבע. יא, נאר ס'איז א גזירה אזא, אז מ'זאל נישט זען אז דו טראגסט. אזוי מיינעך. אבער דער רמב"ם איז משמע אז מיט אסאך מענטשן איז לכתחילה מותר. אזוי איז משמע דא פון די הייליגע רמב"ם.

**חילוק צווישן איין מענטש און אסאך מענטשן**

### Speaker 1:

און די ביאור הלכה ברענגט אין הרב בלומענפעלד, ער טענה'ט טאקע אז ס'איז א חילוק צו אסאך מענטשן אדער דער זעלבער מענטש וואס גייט, שפאצירט אריבער און נעמט עס. אבער דער פרי מגדים איז מחלק. ס'איז נישט קלאר, דער רמב"ם זאגט נישט קלאר די חילוק. איך זאג דיר יא, אז דארט וואו ער זאגט ד' אמות רעדט ער פון עפעס א גרעסערע שעת הדחק, אויב מ'קוקט דארט אמת. אבער לויט טעכניש, זיי מיר מסביר, די איסור איז מה"ת זיין, מעגט איר, א מענטש אליין טוט עס צוויי מאל, וואס איז די חילוק? קען זיין מדרבנן. איך זאג דיר, די רבנן מאכן אים צו זיין א חילוק אזא זאך, אבער מדאורייתא באמת איז עס טאקע די זעלבע.

אבער דא וואס ער זאגט "מותר", "מותר" דארף צו מיינען מותר אפילו מדרבנן. סאו, א ליסט אין די קעיס שטייט זיכער אין רמב"ם מותר אפילו לכתחילה.

**חילוק צווישן הוצאה און אנדערע מלאכות – מ'קוקט אויף דעם מענטש, נישט אויף דעם חפץ**

### Speaker 2:

דו פרעגסט אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל לכאורה אין אסאך אנדערע מלאכות זאגן אונז יא אז די חפץ איז די זאך. למשל... דער רעזולטאט איז געשען צווישן זיי, מען קוקט אז די מלאכה האט זיך געטון. למשל וואו? ניין, ס'הייסט, דאס איז די נושא פון שנים שעשאוה, אבער למשל אחד עוקר ואחד מניח איז אסור מדרבנן, ס'איז פטור, אבער ס'איז דאך אסור. דא איז מותר, רייט? ס'איז דאך אפילו נישט קיין חילוק. אויב וואלט מען געזאגט אז ס'איז פטור, וואס איז געווארן די מלאכה? אפשר וועגן די ד' אמות איז רמז איז אפשר א ווייניגערע מלאכה, ס'איז אפילו ווייניגער ווי... ווי... ווי סתם א מלאכת הוצאה וואס איז דא א מלאכה גרועה, דא איז דאך ממש גארנישט געשען, פארשטייסטו?

### Speaker 1:

אבער ס'איז טאקע אנדערש די מלאכה ווי אנדערע מלאכות אין די נושא. סאו מיר זאגן אז כולי עלמא, אז ביי טראגן האט עס נישט צו טון, מ'קוקט נישט אויף די פועל יוצא, נאר מ'קוקט אויף די מעשה, ווערסעס אנדערע מלאכות וואס ס'איז געשען עפעס? ס'איז נישט עגזועקטלי קיינמאל אמת, אבער ס'איז געשען זיכער וויניגער מיט די חפץ ווי אנדערע מלאכות, רייט? און דא איז נאך וויניגער, ווייל ער טראגט זיך אפילו נישט אין אן אנדערע רשות.

**הלכה: שיעור ד' אמות – אלכסון פון מרובע (חמש אמות ושלושה חומשי אמה)**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם אן אינטערעסאנטע חידוש, **הואיל ויש לו לאדם לטלטל,** והוא הדין אז א מענטש האט די רעכט און מעג מטלטל זיין אין זיין באקס פון ארבע אמות על ארבע אמות. דאס זאגט ער דא זייער קלאר אז ס'איז פיר מאל ארבע אמות, יא? יא, דאס איז זיכער דא פיר מאל. די שאלה איז צו ס'איז דא פיר מאל דאס פון אלע פיר זייטן. ס'איז די צוויי זייטן ארום. אקעי, **נמצא מטלטל,** קומט אויס אז נישט נאר קען מען גיין אויף איין זייט פיר אמות, נאר איינמאל דו האסט די זעכצן אמות... זעכצן סקווער אמות, רייט? פיר סקווער אמות אויף יעדע זייט, יא? נישט אויף יעדע זייט, לאמיר זאגן אויף איין זייט, ס'איז נישט קיין חילוק, ער זאגט נישט אויף אלע זייטן. ס'איז דא א פיר אמות, יא?

אקעי, **נמצא,** קומט אויס אז ער מעג טראגן **באורך אלכסונו של מרובע זה.** אז ער האט א מרובע קען ער אויך טראגן. אויב וואקט מען אין א גראדע וועג אין א מרובע איז עס טאקע נאר פיר אמות, אבער אויב גייט מען שיף פון איין עק צו די אנדערע קומט אויס מער ווי פיר אמות, **שלוש אמות ושלוש חומשי אמה,** פינף און דריי פינפטלעך פון אן אמה, יא? ווייל וואס קומט אויס אזוי אין א חשבון? אקעי. **לפיכך,** זייער אינטערעסאנט, דער פשט, נישט נאר ווייל ס'איז ד' אמות, נאר ווייל דאס איז די רשות פון דעם מענטש. **לפיכך, אין מעביר ואין הזורק ברשות הרבים חייב עד שיעביר חוץ לחמש אמות ושלושה חומשי אמה.** די גאנצע צייט האבן מיר דאך גערעדט וועגן א זורק ד' אמות ברשות הרבים, אבער ס'איז נישט מדויק, ווייל ווען מ'זאגט דאס מיינט מען נישט צו זאגן ד' אמות, נאר מ'מיינט צו זאגן ביז אינדרויסן פון די שיעור פון ד' אמות, וואס איז עכט מער, וואס איז עכט חמש ושלושה חומשי. סאו נאר ביי דעם, נאר ביי מעביר און זורק.

**פרק י"ב: דין אלכסון פון ד' אמות ברשות הרבים — חילוקי דינים לפי מרחק**

**דער רמב"ם'ס דריי שטופן: מותר, פטור אבל אסור, וחייב**

אה, א מעביר, ניין, די זעלבע. סאו איך פארשטיי נישט, סאו דעמאלטס דארף זיך אנהייבן נאאמאל די חשבון. ניין, ס'גייט נישט אזוי. וואס הייסט ער פרעגט דאך, סאו אויב פון פיר מיינט פינף און דריי פיפטלעך, סאו יעצט דארף מען מאכן אן אלכסון פון יענץ, ניין? ניין, סאו ס'גייט נישט אזוי די חשבון.

**דער גר"א'ס תנאי — נאר ווען מ'איז קובע מקום**

סאו ער צייכנט דא עפעס צו אז די **גר"א** זאגט אז דא רעדט מען נאר ווען א מענטש האט זיך קובע געווען זיין ד' אמות, דעמאלטס מעג ער... ער האט זיך קובע געווען וואו זיין ד' אמות איז, דעמאלטס באקומט ער די אלכסון. דאס איז נישט יעצט די ראב"ד, ניין? וואס זאגט די ראב"ד? וואס האבן מיר גערעדט פריער אז די ראב"ד זאגט אז די היתר איז נאר... די גאנצע היתר פון ד' אמות איז נאר ווען ס'איז קובע די מקום.

**דער רמב"ם'ס יסוד — ד' אמות איז מער פון ד' אמות**

ס'איז זייער אינטערעסאנט. די רמב"ם זעט אויס אז די אידעע, די זאך וואס הייסט ד' אמות ברשות הרבים, וויבאלד אז אין די נארמאלע קעיס האט א מענטש ד' אמות, קומט אויס אז ס'איז מער פון נישט, ס'איז מער, ס'איז נישט אמת אז ס'איז ד' אמות. און אויב איז ער פטור אבל אסור זאגט ער. יא, אמת, ס'שטייט פטור. ער גייט שוין זאגן, נעם צו, ער גייט יעצט מסביר זיין צו ס'איז פטור אבל אסור, צו ס'איז מותר. נעם צו, קיין שום חילוק נישט.

ס'קומט אויס דריי אנדערע סארטן חילוקי דינים, אנדערע רעזולטאטן וואס גייט זיין פון די הלכה.

**דער רמב"ם'ס דריי שטופן**

אויך איך כאפ נישט וואס דער רמב"ם אין מקום זה און אין מקום אחר וואס איז דער רמב"ם. איז אזוי, **אם עבר בין שני מקומות עד ארבע אמות, אויב ס'איז אין ארבע אמות, הרי זה מותר לכתחילה. אויב עבר יותר מארבע אמות, אבער עדיין בתוך חמש אמות ושלוש חמישיות האמה, איז פטור אבל אסור.** ס'זעט אויס אז ער זאגט אז אויף דעם איז דא א תקנת חכמים אז הגם בעצם וואלט געדארפט זיין חמש ושלוש חמישיות, אבער זאל מען נאר האלטן אין פיר. **אויב עבר יותר מחמש אמות ושלוש חמישיות האמה בשוגג, הרי זה חייב.** ווייל דאס טייטש טראגן חוץ פון זיינע ד' אמות, ווייל דאס איז די אלכסונה פון זיינע ד' אמות. **הרי זה חייב חטאת, חוץ לאלכסונו של ארבע.**

**קשיא אויפ'ן רמב"ם — פארוואס זאל דער אלכסון זיין מותר?**

ס'איז מיר זייער פאני, ווייל איך פארשטיי וויאזוי מ'איז אנגעקומען צו די הלכות, און וויבאלד ער זאגט אז מ'קען מעסטן ד' אמות, אקעי, מעג מען שוין גיין די וועג אויכעט. אבער ווען דו גייסט גראד, פארוואס זאל זיין די היתר? ס'איז מיר זייער פאני וויאזוי דאס ארבעט. ווייל דעמאלטס דארפסטו מעסטן, אפשר זענען דיינע ד' אמות אזוי אויסגעשטעלט. איינמאל ער האט די סקווער, ער האט די רעכט אין די סקווער, קענסטו רעכענען אנדערש ווען ער האט געוואקט שיף. נישט קלאר.

**דער ראב"ד'ס מחלוקת — קיין חילוק צווישן ד' און ה' וג' חומשין**

דער הייליגער ראב"ד איז מחולק אויף די אלע כללים, ווייל דער ראב"ד האלט אזוי ווי מיר האבן געלערנט אז ס'איז בכלל נישט דא קיין היתר לכתחילה צו טראגן אין ד' אמות, נאר במקום הדחק. דער ראב"ד איז בדעת די רבנן דעה, ס'איז נאר מיט די רבנן טאר מען נישט במקום הדחק, אז אויב איינער איז טאקע נישט אפשר בדרך, מעג ער טראגן פחות מד' אמות.

**דער ראב"ד'ס קשיא — פון וואנען די נייע גזירה?**

און זאגט דער ראב"ד אז אויב אזוי, איז ער נישט מסכים בכלל מיט'ן רמב"ם, ווי האט דער רמב"ם גענומען די נייע גזירה פון טראגן צווישן ד' אמות און חמש אמות ושלוש חמישיות האמה? אויב די גדר ד' אמות איז פינף אמות באמת, איז מעג מען טראגן בשעת הדחק פינף אמות. דער רמב"ם האט געהאלטן אז לכתחילה איז דא פיר אמות, אבער בדיעבד איז דא אן איסור. יא, די נייע איסור איז נישט קלאר ווי דער רמב"ם האט עס גענומען.

**שווערקייט מיט דער חלוקה דאורייתא/דרבנן**

רעכט איז דאס שוין בדרבנן. רייט, אלע דרבנן. בכלל, די חלוקה פון דאורייתא דרבנן איז זייער פאני, ווייל יעדער וויל פארשטיין פטור, די פשט אז דא איז דא א איסור מדרבנן. סאו זיי האבן געלערנט אז דער רמב"ם האט צוטיילט דאורייתא פון דרבנן, וואס איז קיינמאל נישט... ס'איז זייער שווער צו טון אין הלכות שבת, ווייל פטור איז טייטש אבל אסור מדרבנן. זיי האבן דאס פארשטאנען. ס'איז א מקשה אויף די רמב"ם'ס חלוקה.

**דער שולחן ערוך**

ער ברענגט אז די שולחן ערוך זאגט טאקע אז... לכתחילה, ס'איז זייער פאני, ס'זעט נישט אויס אזוי אין אסאך פלעצער אז מ'מעג לכתחילה.

**סיכום דער מחלוקת**

סאו דער ראב"ד האלט אז דער חמש... ס'איז נישט קיין חילוק צווישן ד' אדער חמש ושלוש חומשים, יא? ביידע מעג מען נאר בשעת הדחק. אנדערש ווי דער רמב"ם זאגט אז אין די ארבע מעג מען לכתחילה, און די חמש ושלוש מעג מען אויך נישט בשעת הדחק, ס'איז נאר פטור אבל אסור.

**א מעגלעכער תירוץ**

סאו קען מען מעגן די פעלער ווען מ'מעג טון דרבנן, לצורך גדול, נישט שעת הדחק. איך ווייס אז שעת הדחק מיינט אויטאמאטיש צורך גדול, רייט, אבער די שעת הדחק, פארוואס זאל מען מותר זיין ביידע דרבנן'ס? כאילו, קענסט

נישט טראגן די ד' אמות? ס'שטייט דאך אזוי די לשון, **פחות פחות מד' אמות**, ס'שטייט נישט פחות פחות מחמש אמות. קענסט נאר זאגן אז דאס מיינט בעצם, כאילו ד' אמות רעכנט מען די קוטר פון ד' אמות וואס קומט אויס מער. אזוי אפשר קען מען לערנען.

אקעי, דאס איז די פרק י"ב.

Generated by Shiur Upload Automation